יודען, העלפט די קרבנות פון די היטלעריסטישע רדיפות!

צוועלפטער יאהרגאנג.

№ 28 | Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. | • פרייז 20 גראשען. • | „CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

Kraków
św. Anny 19

טשענסטאכאווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאג.

רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאן 201.

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek d. 7 lipca 1933 | ליכט-צינדען 7,45 | פרייטאג, פ' בלק י"ג תמוז תרצ"ג.

בעקאנטמאכונג.

דערמיט האָב איך דעם כבוד מודיע צו זיין די געעהרטע קונדשאפט, דאס פון זונטאג דעם 9-טען יולי ווערט צוריק געעפענט

דאס וואורשטען-געשעפט
אונטער דער זעלבער פירמא
דוד גאָלדבערג, אַלעע 6

וואו עס וועט זיין צו בעקומען ערשטקלאסיגע אויסארבייטונגען פון אלערארט געריווכערטע פליישען יעדען טאָג פריש און צו מעסיגע פרייזען.

איך האָף, דאס די געעהרטע קונדשאפט וועט אויף ווייטער מיר שענקען דעם צוטרוי און אונזער געשעפט בעזוכען, וואו זיי וועלען העכסט צופרידען זיין.

מיט אכטונג ד. גאָלדבערג, אַלעע 6.

פילהארמאָניע-זאַל.
שבת 8 יולי 9 אָווענד

דער צווייטער קאָנצערט
פון מענער-כאָר א. נ. פון א. ב. בירנבוים

ביים צענטר. האנדוועריקער-פערבאנד אָבט. אין טשענסטאכאוו
אונטער דער לייטונג פון דיריגענט ה. לעווקאָוויטש

ביים אנטייל פון די בעסטע ארטיסטע קרעפטען און א פערגרעסערטען כאָר.

אין פראָגראַם: יוד. פאָלקס לידער, קלאַסישע שאַפונגען, אריעס, סאָלאָ-נומערן.

א טייל פון דער הכנסה — פאַר די געליטענע יודען אין דייטשלאַנד.

בילעטען פון 49 גר. ביז 1.49 פריהער צו בעקומען אין דרוק. פון ה. באָטשאן.

Szkoła Koedukacyjna Zofji Wajnsztokówny i przedszkole

z prawami szkół państwowych

przyjmuje zapisy nowowstępujących codziennie w kancelarji (ALEJA 20, II brama) od 11—1 i od 4—6 pp. Egzaminy systemem lekcyjnym, już się rozpoczęły. Do przedszkola przyjmuje się dzieci od lat 3. Dla niezamożnych ulgi.

(Judaistyka, języki obce, rytmika, umuzykalnianie. Podczas sprzyjających pogód, lekcje w ogródku szkolnym).

W r. szk. 1933-4 prowadzony będzie komplet kursu 5 kl. gimn.



נידער מיט אונזערע שונאים!

קאראַקאַנען, פרוסאַקען און ענליכע ווערים דאס זענען די פעסט-טרעגער פון פערשידענע, אנשטעקענדע קראַנקהייטען, מען מוז זיי גרונדליך אויסראָטען נאָר מיט דער הילף פון בעסטען ראַדיקאַלען מיטעל, וואָס פערפיהרט נישט און דאס איז

FLURIN

פאַדערען אין אלע אפטייקען און אפטייק-סקלאדען.

Szkoła Rzem.-Przemysłowa dla Żydów w Częstochowie

przyjmuje zapisy na rok szkolny 1933-4

do oddziałów: ślusarsko-mechan., stolarskiego i elektrotechn.

Zajęcia rozpoczynają się dnia 20 sierpnia b. r.

Ilość miejsc ograniczona

Warsztaty szkolne wykonywują zamówienia po cenach umiarkowanych i na dogodnych warunkach.

URODONAL



Zwalcza reumatyzm podagrę piasek sklerozę

czyści nerki oczyszcza wątrobę i stawy łagodzi arterje i zwalcza otyłość

Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.
Przedstawicielstwo Warszawa, Fredry 4.

אויפפאָדערונג.

דערמיט פאָדער איך אויף דעם לאָקאטאָר **ישראל פרעזעראָוויטש** צו ערלעדיגען די געהעריגע מעלדונגס-פאָרמאַליטעטען דורכ'ן היגען ראַבינאַט, אין געגענפאַל וועל איך זיין געצווינגען צו האנדלען אויפ'ן געריכטליך-אדמיניסטראַטיווען וועג.

דער הויז-אַדמיניסטראַטאָר
פון אַלטען מאַרק נר. 29.

פון „מזרחי".

שבת פ' בלק 6 נאכמיטאָג אין אייגענעם לאָקאַל, אַלעע 5, וועלען רעפערירען א. ד. ט.: „די שטעלונג פון רעליגיעזען יודענטום צום 18-טען ציוניסטישען קאָנגרעס" דער בעוואוסטער מטיף ר' יוסף שמעון קאַבלינץ און ר' שמואל גאָלדשטיין.

אַלע רעליגיעזע יודען שוקלים ווערען געבעטען די טעג נאכצוקאָנטראָלירען אין דער וואַהל-קאָמיסיע, אויב זיי זענען אַריינגעטראָגען אין די וואַהלער ליסטעס צום 18-טען ציונ. קאָנגרעס.

זונטאג, דעם 9 יולי 8 אַ זייגער אָווענד וועט פאָרקומען אין אייגענעם לאָקאַל, אַלעע 5, אַ מאַסען-פערזאַמלונג, געווידמעט די נאָהענטע קאָנגרעס-וואַהלען. עס וועלען רעפערירען ר' יוסף שמעון קאַבלינץ, ר' שמואל גאָלדשטיין א. א. מזרחים און סימפאַטיקער ווערען געבעטען צו קומען מאַסענווייז. איינגאַנג פריי נור פאַר שוקלים.

אַ טיכטיגער יונגערמאַן
מיט 1000 זל. זוכט א שותף
מיט אַ גאַנגבאַר אַרטיקעל.
(ערקונדיגען זיך אין רעדאַקציע פאַר „י.)

ערקלערונג.

דערמיט ערקלער איך, אַז אין מיין בעגריסונגס-אַרטיקעל פאַר אונזער ליבען פיהרער ה' מאיר גראָסמאַן געדרוקט אין דער „טשענסטאכאָווער צייטונג" № 26 בין איך אויסען געווען אויסצודריקען איהם דעם געהעריגען מיטגעפיהל צוליעב דער גרויסער עולה, וואָס מען איז געגען איהם בעגאַנגען. דאָגעגען האָב איך אין דעם אַרטיקעל נישט געהאַט די מינדעסטע כונה עמיצען צו בעליידיגען און אויב עס געפונען זיך פון דעם אַרטיקעל געטראָפענע פערזאָנען, איז עס געוויס נישט פון מיין שולד, נאָר אַן אָביעקטיווער פועל יוצא פון דעם טרויעריגען מצב, וואָס האָט זיך געשאַפען אין רעוויזיאָניזם.

ליפמאַן קאַפינסקי.



Starszy felczer
W. Dobryszycki
האָט זיך איבערגעצויגען
פון נייעם מאַרק 5
אין דער ערשטער אַלעע 6
הויז וועקסלער, ערשטער הויף, רעכטס, פּאַרטער.

באַלאַ גאָטליב יעקב מילשטיין
פערלאָבט
טשענסטאכאוו, דעם 2 יולי 1933.

אונזער פיעלגעליבטער טאָכטער און שוועסטער ביילע גאָטליב צו איהר פערלאָבונג מיט ה' **יעקב מילשטיין**, וועלכע איז פאָרגעקומען זונטאג, ד. 2 יולי ד. י. ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט
עלטערן, שוועסטערן און ברודער.

צו דער תנאים פון אונזער ליעבען זוהן **יעקב מילשטיין** מיט פרל. **באַלאַ גאָטליב** — אונזערע הארציגסטע ברכות.
עלטערן און געשוויסטער.

צו דער תנאים פון אונזער ליעבע שוועסטער און שוועגערין **באַלאַ גאָטליב** מיט ה' **יעקב מילשטיין** א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען
לאה און יוסף איזרייעלאָוויטש.

Z intencji zaręczyn przyjaciela naszego JAKÓBA MILSZTAJNA z p. BALĄ GOTLIBÓWNĄ życzymy Im, aby gwiazda szczęścia była nieodstępną towarzyszką Ich życia.

Dawid Windman i Pola Świerczyńska.

פיעל גליק און אַ בליהענדע צוקונפט ווינשען מיר אונזער שוועסטער און שווערגערין **אסתר שיפער** צו איהר תנאים מיט ה' **מאַרקוס שפיגעלמאַן.**
זייט גליקליך און צופרידען.
הערשל סטאַפּניצער, פרוי און קינדער.

Przyjacielowi SAMUELOWI BORZYKOWSKIEMU z okazji zaślubin z p. HELENĄ ZAJDBERŻANKĄ serdeczne życzenia składają DAWID i ZYGMUNT KWINTE.

אונזער פריינד **ישעיהו וואָלף ווינדמאַן** צו דער חתונה פון זיין טאָכטער **פעלא** מיט ה' **סאַלעק גאָטיינער** אונזער הארציגסטען מזל-טוב.
דעם יונגען פאָר — א גליקליכע צוקונפט.
יוסף גאָלדבערג און פרוי, שלום מיטלער און פרוי,
יוסף שענוואַלד און פרוי.

א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער פערוואַלטונגס-מיטגליד ה' **ישעיהו וואָלף ווינדמאַן** צו דער חתונה פון זיין טאָכטער **פעלאַ** מיט ה' **סאַלעק גאָטיינער** א הארציגען מזל-טוב.
די פערוואַלטונג פון **פריזיר-צעך** אין טשענסטאָכאָוו.

Ceny normalne | **Mile i bez troski** | Ceny normalne

spędzisz czas w najlepszym towarzystwie
w najstarszej cukierni
A. Błaszczyńskiego, Aleja 13
TELEFON 276.
gdzie codziennie od 7—12, w niedziele i święta od 5 odbywa się KONCERT-DANCING
nowo-zaangażowanego kwartetu muzycznego.
Korzystaj z okazji!

Ceny normalne | Ceny normalne

ראַטעוועט דאָס געזונד

די בעריהמטסטע ערטצליכע וועלט-פערזענליכקייטען האָבען פעסט געשטעלט, אַז 75 פראָצ. קראַנקהייטען ענטשטעהען צוליעב אָבסטרוקציע.

א קראַנקער מאָגען איז די הויפּט-סיבה פון ענטשטעהען פון פערש. קראַנקהייטען, פעראומרייניגט דאָס בלוט און שאַפט א שלעכטע שטאָף-וועקסלונג.

די בעריהמטע זייט 50 יאהר אין דער גאַנצער וועלט
Zioła z gór Harcu Dr. Lauera
ווי דאָס האָבען בעשטעטיגט די גרעסטע בערלינער אויטאָריטעטען ...

Zioła z gór Harcu Dr. Lauera בעזייטיגען די ליידען פון די לעבער, ניערען, גאַל-שטיינער, העמאָראָידאַל-ליידען, רעומאַטיזם און אַרטעריאָסקלעראָזע ...

Zioła z gór Harcu Dr. Lauera זענען געוואָרען בעקאַנט אויף די ערטצליכע אויסשטעלונגען מיט די העכסטע אויסצייכנונגען און מעדאַלען אין באַרלין, וויען, פּאַריז, לאָנדאָן און אין אַנדערע שטעט. ד"ר לאַוער האָט בעקומען פּריזען ...

פּרייז פון א האַלבער שאַכטעל 1.50 זל., א גאַנצע שאַכטעל 2.50 זל. — פערקויף אין אַפּטייקען און סקלאַד-אַפּטייקען.

אונזער צעבראכענקייט.

די יודישע לאגע אין דייטשלאנד האט זיך נישט נאר נישט פערבעסערט, נאר נאך מעהר פערערגערט. אמת, מען שלאגט נישט אזוי אפען, ווי אין דער ערשטער צייט פון היטלער'ס ממשלה, דערפאר ווערט אבער די אויסראטונגס-פאליטיק אדורכגעפיהרט גרונדליכער און „קולטורעלער".

[illegible]מען פערניסטעט דאס דייטשע יו-[illegible]ום לויט „רעסטליכע" געזעצען. [illegible]יז לעצטענס ארויס א געזעץ, אז [illegible] נישט-אריער, וועלכער פערדינט [illegible]ען 700 מארק א חודש, טאר נישט פערנעמען קיין ארבייס-פלאץ און מוז פערלאזען דייטשלאנד.

פאקטיש הייסט דאך דאס, אז אלע יודען, וועלכע פערנעמען זיך מיט מסחר, מלאכה, אדער ארבייטען אלס אנגעשטעלטע, ווערען ארויסגעטריבען פון דייטשלאנד, ווארום ווער פערדינט דען די היינטיגע צייט 700 מארק א חודש.

אזוי טראכטען די דעגענערירטע היטלער-לייט אלץ אויס פרישע גזירות געגען דעם ביסעל דייטשע יודען און פון טאג צו טאג ווערט אלץ די פא-זיציע, די לעבענס-מעגליכקייט פון די יודען אין דייטשלאנד אונערטרעגלי-כער.

די אכזרים שטעלען נישט אב זייער פערדארבונגס-ארבייט, נאר וואס מעהר זייער ממשלה ווערט פערפעסטיגט אלץ מעהר פיהרען זיי זייער גרויל-פערניכ-טונג געגען דייטשען יודענטום.

די פראטעסטען פון וועלט-יודענטום האבען די היטלער-לייט נישט אבגע-שראקען; פאר הינט דארף מען האבען א שטעקען. ליידער אבער האט די וועלט, די קולטורעלע וועלט, זיך נאר בעגנוגענט מיט בלויזע ווערטער, מיט פראטעסטען, מען זעהט נישט קיין ממשות'דיגע אקציע געגען די היטלער-הינט. פערקעהרט, די דיפלאמאטיע פון די וועלט-הערשער האט זיי דיקטירט צו שליסען א פאקט מיט'ן יעצטיגען דייטשלאנד און זי אנערקענען אלס גע-זעצליך-רעכטליכע מלוכה.

דאס וועלט-יודענטום, ווי אויך די אינטערנאציאנאלע ארבייטערשאפט האבען ערקלערט א באיקאט אויף דיי-טשע סחורות. מיר ווייסען נישט אויף וויפיעל דער באיקאט ווערט אבגעהי-טען, ווייל קיין צענטראלער וועלט-קא-מיטעט, וועלכער זאל פיהרען א גע-נויע רשימה, האט מען נישט. אויך זעהט מען גארנישט, אז די פרעסע זאל פיהרען אויף די שפאלטען פון איהרע אויסגאבען א כסדר'דיגע באי-קאט - פראפאגאנדע און פערפאלגען די יעניגע, וועלכע פאסען זיך נישט צו צו די פעראָרדנונגען.

אין אלע שטעדט און שטעדטלעך זענען געגרינדעט געווארען אנטי-דיי-טשע באיקאט-קאמיטעטען, אבער זאל מען זאגען אפען, אז זיי דערפולען ווייט נישט זייערע אויפגאבען.

נעמען מיר א ביישפיעל אין טשענס-טאכאוו. מען האט זיך ארומגעקריגט וועגען דער העגעמאניע איבער'ן קא-מיטעט, און ווען מען האט זי שוין דערגרייכט, איז זי געבליבען שטעהן אויף א טויטען פונקט.

א ראיה, אין משך פון א רייהע וואכען האט זי נישט ארויסגעגעבען קיין איין קאמוניקאט, און ס'איז דאך נישט קיין סוד, אז דייטשע סחורות ווערען ווייטער פערקויפט און געקויפט. עס זענען טאקע פערהאן פירמען, וועל-כע האבען געליטען א סך היזיקות דעריבער ווייל זיי האבען נישט גע-וואלט קויפען פאר עטליכע צענדליגג מארק געוויסע אויסארבייטונגען און נישט בעקומענדיג אנדערשוואו די דא-זיגע ארטיקלען האט זייער פראדוקציע געליטען דערביי א גרויסען שאדען. דערפאר זענען אבער דא אזעלכע פיר-מען, וועלכע קויפען ווייטער דייטשע סחורות, אינדערצייט ווען זיי קאנען די זעלבע בעקומען אנדערשוואו.

דאן וואס הערט זיך וועגען די געלד-זאמלונגען פאר די דייטשע פליטים. עפיס געהט די דאזיגע אקציע צו גאנץ שוואך, אויב מען פערגאכלעסיגט דאס איז עס א שווער פערברעכען גע-גען אונזער נאציאנאלען געוויסען און אנ'אכזריות געגען אונזערע ברידער אין דייטשלאנד, וועלכע האבען זיך שטענ-דיג אבגערופען אויף אונזערע נויטען.

מיר האבען בילכערע אויפגאבען — ארומקריגען זיך וועגען בענקלעך אין דער קהלה, ארומרייסען זיך ארום דעם ענין סטאווסקי, און מיר פערגעסען וועגען דער הייליגער פליכט, וואס דאס לעבען האט אויף אונז ארויפגע-לייגט: צו העלפען אונזערע פערפאלגטע, דערנידריגטע און צום טויט פעראור-טיילטע דייטשע ברידער.

ב—ן.

ר' וואלוויש בארנשטיין ז"ל.

(אייניגע שטריכען צו דער פערזענליכקייט פון נפטר).

ער איז געווען איינער פון די גע-צעהלטע לומדים אין פוילען, איינער פון די טיפען, וואס ווערען וואס זעל-טענער אין דער יודישער וועלט.

ס'איז באמת שווער צו געבען וועל-כע ס'איז גענויערע אבשאצונג וועגען נפטר, נישט בעקענענדיג זיך מיט זיי-נע איבערלאזענע, נישט-פערעפענטליכ-טע כתבים, איבער וועלכע ער האט געארבייט יאהרענדליגגער יאהרען (עס וואלט געווען וואונשענסווערט, אז עס זאל זיך שאפען א קאמיטעט, וואס זאל זיך פערנעמען מיט'ן ארויסגעבען זיינע כתבים).

* * *

איינע פון זיינע הויפט - שטריכען: לערנען!

א סך יודען לערנען, אבער ביי ר' וואלוויש'ן איז דאס געווען דער אלף און תיו פון זיין לעבען. אלס יונגער ארימער בחור שלאפט ער אויף דער הארטער באנק, דערעסט נישט און איז עוסק אין לערנען; שפעטער אלס ריי-כער איידעם מישט ער זיך נישט אין זיינע געשעפטען אוןווארפט זיך צום לערנען נאך מיט מעהר ברען.

און עטליכע פערציג יאהר האט דער דאזיגער מענש געארבייט איבער זיך, עטליכע פערציג יאהר אונאויפ-הערליכע אנגעשטרענגטע גייסטיגע אר-בייט.

ווען איהר זענט נאר אדורכגעגאנגען דעם היגען אלטען מארק סיי שפעט אין אווענד, ווען אלץ ארום איז גע-ווען איינגעטינקט אין פינסטערניש און שטילקייט, סיי ווינטער בעגינען, בעת קיין שיין פון ליכט האט נאך נישט בעוויזען זיך אין דער פינסטער פון די מארקשטעהער און בעלי-מלאכות — איז איין שטוב געווען בעלויכטען, די שטוב פון ר' וואלוויש'ן ז"ל.

זיין התמדה איז באמת געווען אנ'-אויסערגעוועהנליכע.

א בעקאנטער פון נפטר דערצעהלט מיר:

יאהרען לאנג האט ר' וואלוויש זיך מתנהג געווען אין לערנען פזה האופן: 18 שעה אין מעת לעת שעורים, נאך די 18 שעה א צייט צו איבער'חזר'ן דאס געלערנטע און דערנאך ערשט א שעור קבלה (בעת זיין ווייל'ען אין ארץ-ישׂ-ראל האט ער זיך שטארק בעפריינדעט מיט די דארטיגע מקובלים).

און ווירקליך איז ער געווען א פע-נאמענאלער בקי.

איין כאראקטעריסטישער עפיזאד, דערצעהלט פון ר' מ. בראם נ"ע:

ר' משה האט געלערנט דעם דף יומי. האבענדיג א שווערע רש"י אין זבחים איז ער אריינגעגאנגען צו ר' וואלוויש'ן, כדי זיך מיט איהם אדורכ-שמועסען.

אריינקומענדיג צו ר' וואלוויש'ן האט ער דערצעהלט, אז ס'ארט איהם א רש"י און ער קען נישט ווייטער געהן.

ר' וואלוויש, געוואויר - ווערענדיג וועלכע מסכת ער לערנט, האט איהם תיכף אנגעוויזען די רש"י וועלכע האט איהם געארט.

דער שרייבער פון די דאזיגע שו-רות איז אין זיינער צייט געווען א תלמיד פון נפטר און געהאט די מעג-ליכקייטען צו איבערצייגען זיך וועגען זיין גרויסער בקיאות.

ער האט איהם אנומעלט „פערהערט" אין יורה-דעה: מליחה, בשר - וחלב און תערובות, אדורכגעווארפען כמעט אלע מיינונגען פון די פוסקים, אבגע-שטעלט זיך אויף יעדער דעה-פערשי-דענהייט נישט בענוצענדיג דערביי קיין ספר. אלע חלוקי דעות האט ער ציטירט פשוט מיט א מאטעמאטישער פינקט-ליכקייט, ווי ער וואלט געווען ספע-ציעל פארגעבערייט.

און זיין לערנען איז נישט געווען אנגעפיקעוועט מיט סתם פלפול, ער האט געלערנט „אויפ'ן ארט". אמת, ער האט געקענט מעין זיין אין א תוספות עטליכע שעה, אבער נישט צוליעב פלפול, נאר צוליעב זיין גרוי-סער ערודיציע, וועלכע האט איהם אנגעווארפען פערשידענע אנדערע בע-טראכטונגען פון בעטרעפענדען ענין. ער איז געווען מעהר „סני" ווי „עוקר-הרים".

*

ועל כלם: זיין יראת-שמים און מדות פון אנ'אמת'ן תלמיד-חכם, וואס איז תמיד לויט'ן יודישען שטאנד-פונקט מכריע.

פאליטיק, די דאזיגע בצה, וואס האט שוין פיעל ווארהאפטיגע מענשען, אוועקגעפיהרט פון זייער ארבייט, איז איהם געווען לגמרי פרעמד.

ווען מ'האט איהם געזעהען אין גאס האט ער זיך אדורכגעשלייכט ביי דער וואנד און זיין גרויסער לומד'ישער שטערן איז געווען צונויפגעקנייטשט און אנגעשטרענגט: נישט מסיח דעת געווען פון לערנען.

און אין די מלחמה - יאהרען, ווען אלץ האט גערוישט, געשטורמט אין איטליסען, האט ארומגעכאפט די תאוה פון געלד מאכען, האט ער זיך נישט אוועקגעריסען פון ספר. די שותפים זענען מאנכעס-מאל אריינגעקומען צו איהם מתיעץ זיין זיך און שוין: ווייטער געלערנט, ווייטער געארבייט.

אזוי האט דער דאזיגער זעלטענער מענש עטליכע פערציג יאהר געארבייט איבער זיך, סיי הונגעריגערהייד, זיי-ענדיג עלענד, פערלאזט, סיי אין די יאהרען פון שפע און סיי אין די יאה-רען פון מאטעריעלער ירידה און פי-זישער צוזאמענגעבראכענקייט. עטליכע פערציג יאהר מקדיש געווען זיך פאר דער תורה, געמאכט פון דער נאכט טאג, אונטער אלע אומשטענדען, אין אלע בעדינגונגען.

און ווען ער איז געווען געפעהרליך קראנק, נישט געהאט קיין כח צו בע-וועגען זיך האט ער נישט אויפגעהערט צו שמועסען און לערנען מיט זיינע תלמידים, וועלכע ער האט תמיד גע-ווידמעט פיעל צייט.

אין זיין צואה, וועלכע איז געשרי-בען דורך א תלמיד א וואך פאר דער פטירה, פערלאנגט ער, אז ביז יציאת נשמה, אפילו ווען ער וועט נישט בכח זיין צו רעדען, זאלען לכל הפחות די תלמידים נאכזאגען זיינע חדושי תורה.

שבת, א טאג פאר דער פטירה, שוין בעוועגענדיג קוים מיט די ליפען — דערצעהלט מיר ה' י' ק. — האט ער זיך מיט איהם בעראטען, צי ער זאל דערלויבען צו מאכען זיך אנ'איינשפרי-צונג!

א יוד, וואס תורה און יראת-שמים, לערנען און מדות זענען געווען צונויפ-געשמאלצען און געמאכט איהם פאר א מושלם.

דער טויט האט דעם דאזיגען זעל-טענעם יוד אוועקגעריסען אינמיטען זיין אונאויפהערליכער אנגעשטרענגטער גייסטיגער ארבייט.

חבל על דאבדין ולא משתכחין!

פ. ב—ץ.

2 razy w miesiącu otrzymuję świeżą krowiankę, którą codziennie szczepię ospę ochronną

Starszy felczer

ST. MITTLER

Częstochowa, Piłsudskiego 7

Tel. 8-C4

(10

די לעצטע טעג פון יהודה.

היסטארישער ראמאן פון ה. פ. שוראבער.

(פארטזעצונג).

מעהר האט שוין ברוך נישט גע-קענט רעדען, א שטראם בלוט האט זיך פון זיין האלז געגאסען און זיין מויל פערמאכט.

פראנטא האט א ווײַלע געקוקט דורכדרינגענד אויף דעם קראנקען, דערנאך האט ער א וואונק געטהון צום רופא.

— מיר איז שוין אלץ איינס—האט פראנטא שטיל געזאגט—אספסינוס וועט זיין גליקליך. נאך איידער די מלחמה האט זיך אנגעהויבען האט שוין גאט איהם איבערגעגעבען זיין שונא. איצט קען שוין יוחנן קעמפען געגען רוים, יעדע נייע שווערד, וואס ער וועט קויפען, פאלט נאר אויף דעם קאפ פון זיין אייגענער טאכטער...

אויף א ווײַלע האט דער אלטער יוד זיך אויפגעכאפט, איהם האבען גע-וועקט די זון שטראהלען, וועלכע הא-בען אריינגעשיינט דורכ'ן פענסטער, א בילד האט זיך פאר זיינע אויגען געשטעלט, דאס בילד פון זיין איינצי-גער טאכטער.

ברוך האט אויסגעשטרעקט די האנד צום אומארמען און זיינע ליפען האבען שטיל געפליסטערט:

— יהודית מיין קינד, מיין איינציגע טאכטער.

און צוזאמען מיט דעם נאמען איז זיין נשמה צו גאט אוועק. די אויגען האבען זיך שוין נישט געעפענט.

פראנטא איז צוגעגאנגען צו דער טהיר און אויף א ווײַלע זיך אבגע-שטעלט.

— פאנטינוס, זיי גרייט צו געהן צו יעקב דעם אייל-הענדלער...

ער איז ארויסגעגאנגען און אויף זיינע ליפען האט געשפילט א נצחון-שמייכעלע.

בירניקה איז גיך געגאנגען פון איין צימער צום צווייטען, זי האט ווי גע-וואלט ענטלויפען פון דעם שטורם, וואס איהר ברודער'ס ווערטער האבען אין איהר הארץ ארויסגערופען. א שנאה האט זיך אין איהר הארץ גע-שפינט, זי האט איצט געהאסט דעם, וועלכען זי האט אייביג ליעב געהאט.

— צוליעב דעם האט ער מיך געריו-פען קיין עכו! פערקויפען וויל ער מיך ווי ער האט זי שוין איינמאל פער-קויפט צו דעם קעניג פאלימאן און ווי ער האט שוין די אנדערע צוויי שוועס-טערן פערקויפט!

— מיט פרויען - פאלשקייט וויל ער דערגרייכען דאס, וואס ווערט נאר מיט העלדישקייט דערגרייכט...

אגריפא אין העלדישקייט!

דארט, ביי די מענער, וועלכע הא-בען אין רוים מורד געווען, דארט, ביי די רעוואלוציאנערען, וועלכע גריי-טען זיך צום קאמף פאר פרייהייט — דארט איז פערהאן העלדענמוט, גייסט, אבער דא...

זאל ער ווארטען!

ווען זי איז אריינגעקומען אין לעצ-טען צימער איז דער נעגער סטעפאנוס אויפגעשטאנען פון זיין ארט. סטעפא-נוס איז געווען הויך ווי א ריז, דער טרייעסטער דיענער פון דער קעניגין, וועלכער האט געוואוכט אלע איהרע געהיימניסען, ווען ער האט דערזעהן די קעניגין האט זיין פנים אנגעהויבען צו שיינען, ער האט געמאכט מיט די ליפען און פון זיין מויל זענען ארויס משונה'דיגע קולות.

סטעפאנוס איז געווען טויב-שטום, נאר נישט פון געבורטס-אן. ער האט זיך איינמאל פערזינדיגט פאר אגריפא ענטדעקענדיג א סוד, האט דער קעניג בעפוילען איהם אבצושניידען די צינג און אריינגיסען הייסען בליי אין זיינע אויערען.

בירניקה האט זיך דערבארימט אויף דעם אונגליקליכען שקלאף און בעפוי-לען איהר בעריהמטען ארצט אנדרא-מאכוס ער זאל היילען דעם קראנקען.

פון דאמאלס אן האט די קעניגין געפיהרט פערשידענע געשפרעכען מיט איהר שקלאף, וועלכע קיינער האט נישט פערשטאנען. די קעניגין האט זעהר גוט געוואוסט אלע זיינע געדאנ-קען און דער שקלאף האט אויך גע-וואוסט אלע סודות פון זיין הערשערין.

מאנכעס מאל פלעגט ער א ווײַלע קו-קען אויף זיין הערשערין און געטוי פערשטאנען אלע איהרע געדאנקען. די קעניגין האט זאגאר מורא געהאט פאר דעם שקלאף, דען פאר איהם איז נישט געווען קיין שום סוד. פלעגט א פרעמ-דער צוגעהן צו דער קעניגין איז דער שקלאף אויפגעשטאנען פון זיין ארט, דורכדרינגענד אנגעקוקט דעם גאסט און זיין געזיכט האט אויסגעזעהן ווי פון א ווילדער חיה.

ווי א ווילדער לייב איז ער אויך אין איהרע אויגען געווען, ווען זי האט בעמערקט דאס שרעקליכע פייער אין זיינע בליקען.

מאנכמאל פלעגט זי ציטערן פאר דער גרויזאמער תאוה, וועלכע האט אין דעם שקלאף געברענט—דאס האט איהר אבער אויך פערגניגען פער-שאפט. דאן האט זי זיך בעטראכט אלס די אינדיאנערין, וועלכע האט בע-הערשט די ווילדע חיות מיט איהר בליק.

דאס מיידעל איז אין שטייג ארייג-געגאנגען און דער לייב האט זיך גע-ווארפען אויף איהר מיט כעס. איין בליק מיט די גרויסע דורכדרינגענדע אויגען און דער לייב האט זיך בערו-היגט, ווי א שקלאף איז ער פאר איהר געשטאנען. זי האט איהם געמאטערט, געטרעטען אויף זיין עק, נאר דער לייב איז דאך פערבליבען רוהיג.

איז ער דען ווירקליך רוהיג געווען?

ניין. ער ליגט אויף דער ערד אהן שום בעוועגונג, נאר אין די אויגען ברענט א פייער, א שרעקליכער פלאם, וועלכער ווערט גרעסער מיט יעדער מינוט. צלע פיהלען, אז דער לייב גירט נאך בלוט!

זי ווייסט אבער ווען זיך צוריקצו-ציהען, ווען עס קומט אן די צייט.

בירניקה, ווייסט אויך, ווען די צייט קומט אן און דאך האט זי מאנכמאל געציטערט בעגעגנענדיג דעם בליק פון איהר שקלאף.

דאס מאל האט אבער די קעניגין איהם ווי נישט בעמערקט. זי האט ארויפגעלייגט די האנד אויף זיינע פלייצעס און מיט'ן פינגער האט זי אויף דער וואנד אנגעוויזען.

און ער האט פערשטאנען.

ער איז אויפגעשטאנען פון זיין ארט, צוגענומען די שטוהל און מיט קראפט אבגערוקט א שטיין פון דער וואנד.

א טיער האט זיך געעפענט אין א געהיימע הייל אריין.

דער נעגער האט זיך אנגעבויגען, א קוש געטהון איהר קלייד און די קעני-גין האט א ווײַלע געגלעט די האר אויף זיין קאפ, דערנאך איז זי פער-שוואונדען געווארען.

סטעפאנוס האט צוריקגעשטעלט דעם שטיין, זיך אנידערגעזעצט אויף דער שטוהל און געקוקט אויף א קנאפ אין דער וואנד. דאס איז געווען א סיגנאל ווען די קעניגין דארף צוריק ארויס-געהן.

די קעניגין איז דורכגעגאנגען אין צימער, אריינגעגאנגען אין צווייטען צימער, וואו עס איז געשטאנען א בעט.

דער ארצט אנדראמאכוס האט זיך פערנייגט און שטיל געזאגט:

— ער שלאפט נאך.

זי האט זיך אנידערגעזעצט אויף א גאלדענעם שטוהל אין דער זייט.

— איז נאך דא א האפנונג?

— עס איז נישטא קיין געפאהר — האט דער ארצט געענטפערט—ער האט נאר זעהר פיעל בלוט פערלוירען.

די קעניגין האט דורך דער פארהאנג געקוקט אויף דעם יונגענמאן, וועלכער איז געשלאפען.

— גרויסער גאט ווי שעהן ער איז!

די דעק האט זיך עטוואס איבער-געריקט און זיין קלארע מענער-ברוסט האט געשיינט. זיינע קליינע און צאר-טע הענד האט ער צו-קאפענס געהאל-טען, זיינע שווארצע לאקען האבען זיך עטוואס פערשארצט און אויפגעדעקט א מאיעסטעטישען שטערן.

ווי א דורשטיגע האט די קעניגין געטרינקען פון דעם שעהנעם בילד, איהר קערפער האט געציטערט קוקענ-דיג אויף די האלב-אפענע ליפען. זי האט געגלויבט, דאס נאר אין דער נשמה פון דעם יונגענמאן קען זי גע-היילט ווערען, אויפלעבען.

(פארטזעצונג קומט).

ב. ווינשטיין (ארץ ישראל).

דאס ווארט בעקומט דאס פאלק

(ספעציעל פאר דער „טשענסט. צייטונג").

דער ביז-יעצטיגער שקל-בילאנס אין פוילען, ווי אויך די ידיעות, וואס קומען אן פון פערשידענע לענדער און אילוסטרירען די ריזיגע שקל-אקציע, בעווייזען, אז דער פשוט'ער יוד בעהערשט צום היינטיגען טאג דעם שקל און גרייט זיך צו צו דעם יום הדין, וואס וועט אין פוילען פארקומען דעם 23 יולי.

הגם, אין איניגע ציוניסטישע קרייזען, הערשט ביז היינט א ספק צי וועט דער 18 ציוניסטישער קאנגרעס פארקומען דעם 16 אויגוסט, פיהלען מיר שוין דעם פיבער פון די וואהלען און פון דער וואהל-אגיטאציע, וואס נעמט אן ביי איניגע ציוניסטישע עלעמענטען א פאטאלאגישע און קצינישע פארם.

מען גיט איבער, אז פראמינענטע ציוניסטישע עסקנים האבען זיך געווענדעט צו דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און צו דעם פרעזידענט פון דעם אקציאנס-קאמיטעט, מיט א פארשלאג אבצולעגען די וואהלען, ווי אויך דעם קאנגרעס.

די ידיעות פון א"י דערצעהלען אונז, אז די סטאווסקי-אפערע האט געשאפען אין לאנד אזא מין שפאנענדע און אונערטרעגליכע אטמאספערע, וואס ערלויבט נישט דורכצופיהרען א פלאנמעסיגע פראפאגאנדע.

טראץ דעם זעהען מיר נישט די מינימאלסטע רמזים, אז די ציוניסטישע עקזעקוטיווע וועט אבלעגען די וואהלען. די לינקע זענען געגען דעם. און נישט צוליעב, חס-וחלילה, די דרינגענדע ענינים, וואס שטעהן אויפ'ן סדר-היום פון דער ציוניסטישער עפענטליכקייט, נאר צוליעב אנדערע, מעהר טאקטישע און פראזאאישע מאטיווען.

דער פשוט'ער יוד, דער נייער ציוניסטישער שוקל און וועהלער, דארף זיך נישט לאזען פארפיהרען דורך די פערשידענע נישט-בעשטעטיגטע ידיעות און קלאנגען וועגען דער פערשיבונג פון די וואהלען צום קאנגרעס.

ער דארף זיך נישט דעמאביליזירען און אבשוואכען זיין קעמפערישע קראפט, בכדי צו פערטיידיגען זיינע ברענענדע אינטערעסען, וואס זענען פערבינדען מיט א"י און מיט דער פארם און דעם גאנג פון דער אויפבוי-ארבייט פון דעם לאנד.

דער אונבעקאנטער ציוניסטישער שוקל, וועט דאס מאל דעצידירען די כוחות פערהעלטנישען אויפ'ן קאנגרעס און אויף אזא מין אופן, געפונט זיך אין זיינע הענד דער שליסעל פון דער נייער פאליטיק און דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פאר די צוויי קומענדע יאהרען.

מען שרייבט און מ'רעדט וועגען די היסטארישע אויפגאבען פון דעם נעכסטען ציוניסטישען קאנגרעס. פון די ערשטע און וויכטיגסטע פראגען, וואס שטעהן פאר אונז, איז, צי וועט דער קאנגרעס זיין פעהיג דורכצופיהרען די דאזיגע אויפגאבע. צי וועט ער זיך נישט פערוואנדלען אין א געוועהנליכען, גוט אונז בעקאנטען, ציוניסטישען קאנגרעס מיט די בעריהמטע רייסערייען, צווישען די פערשידענע פראקציעס און מיט דער בעקאנטער בוזשעט-מלחמה, צוליעב וועלכער טרויבאדורען פון נאציאנאלער פאליטיק האבען נישט איין מאל פערגעסען די הבטחות לגבי זייערע וועהלער.

אויב דער ציוניסטישער קאנגרעס וועט זיך דאס מאל געפינען אין דער תפיסה פון די פארטיי-מאכערייי און די הינטערקוליסען-פערהאנדלונגען צוליעב פלעצער אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, וועט ער זיך אבסאלוט דיסקרעדיטירען און וועט אפשטויסען די פשוט'ע יודען מיט דעם גרויסען, ריזיגען א"י'דיגען אימפעט.

די דאזיגע ענטוישונג, און דוקא אין אונזערע שווערע און טרויעריגע טעג, קען האבען געוואלדיגע רעזולטאטען פאר דעם ציוניזם און ארץ-ישראל.

די סטיכישע שטימונגען און שטרעבונגען קיין א"י וועלען „דעמאלירען" די ציוניסטישע ארגאניזאציע. די כוואליע וועט איבערגעהן איבער אונזער קאפ.

און ווער קען ראטעווען דעם ציוניסטישען קאנגרעס פון אזא מין סכנה, אויב נישט דער פשוט'ער יוד, דער בעל-מלאכה, דער סוחר, דער יודישער אינטעליגענט – דער אונבעקאנטער און אונפארטייאישער שוקל.

50 פראצענט פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען האבען געקויפט שקלים. זעלבסטפערשטענדליך קען די דאזיגע צאהל נישט בעפרידיגען אונזער אפעטיט, אבער אין פערגלייך מיט דער שקל-אקציע מיט צוויי יאהר צוריק – איז עס א זעהר גוטער ערפאלג, מען דארף איהם אויסנוצען, ריכטיגער געזאגט – דער נייער שוקל דארף אויסנוצען דעם יעצטיגען מצב און בעאיינפלוסען דעם ציוניסטישען קאנגרעס.

דאס פאלק האט בעקומען דאס ווארט. דאס פאלק נעהמט זיך דעם רשות צו זאגען זיין ווארט. ווי אזוי און אויף וועלכען-אופן דאס פאלק וועט אויסדריקען זיינע וואונשען און זיינע שטימונגען?

דער פשוט'ער שוקל דארף נישט פערגעסען, אז זיצענדיג אין זיין היים און שמועסענדיג מיט זיינע שכנים וועגען א"י און וועגען די מנהגים און סדרים, וואס הערשען אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע וועט ער נישט אויסנוצען זיין רשות. מ'דארף נישט קרעכצען און מ'דארף נישט לאזען קיין טרעהרען, מ'דארף נישט זאגען קיין מוסר די דאזיגע עלעמענטען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, וועמענס האנדלונג בשעת דער וואהל-קאמפאניע איז א גרויסע בושה און חרפה פאר דעם ציוניסטישען צבור.

עס איז נוצלאז צו פרעדיגען וועגען אנשטענדיגקייט און קארעקטקייט צו מענשען, וועלכע בענוצען זיך מיט כינעזישע אבסטרוקציע און פאטריאטישע הימנ'ען לכבוד פילסודסקי, בכדי צו אונטערדריקען און טעראריזירען דעם געגנער.

דער פשוט'ער יוד, וועלכער זיצט אין זאל און קריצט מיט די צייהן און בייסט זיינע ליפען פאר בושה, דארף קאלטבלוטיג, אהן נערוועזיטעט, ציהען זיינע קאנסעקווענצען.

שטעהענדיג פאר דער אורנע, דעם 23 יולי, דארף ער געדענקען די טאקטיק פון די לינקע און פון דעם געוועזענעם „פיהרער" פונ'ם פוילישען יודענטום.

שטעהענדיג פאר דער אורנע, דארף דער נייער ציוניסטישער וועהלער נישט פערגעסען, ווער האט אין משך פון די לעצטע יאהרען בעקעמפט דורך און דורך זיינע אינטערעסען, די אינטערעסען פון דעם מיטעלשטאנד, סיי אין גלות, סיי אין א"י.

ווער, אויב נישט די רעוויזיאניסטען האבען געבראכען דעם מאנאפאל פון די לינקע אין פאלעסטינא-אמט? און וועמענס פערדינסט איז, אויב נישט אונזער, אז דער מיטעלשטאנד הויבט אויף יעצט זיין קאפ און פיהלט זיך אלס גלייכבערעכטיגטער בירגער. אין דער מדינה אונטערוועגס.

ארץ-ישראל איז יעצט נישט נאר א געמיינזאמער נאציאנאלער אידעאל פון דעם יודישען צבור, נאר אויך א פריוואטער ענין פון יעדער יודישער משפחה אין יעדען פון די גלות-לענדער.

דעריבער זענען די סאציאלע פעראָרדנונגען אין לאנד און די שיטות פון אונזערע קאלאניזאציאנישע ארבייטען פערבונדען מיט דעם גורל פון יעדער יודישער משפחה, וואס גרייט זיך צו קומען אין לאנד און זיך איבערזידלען.

ווער, אויב נישט דער רעוויזיאניזם, האט מיט פיעל יאהרען צוריק, זייענדיג איזאלירט, געפיהרט א שווערע מלחמה געגען די מיוחסים אין דעם ישוב, וועלכע האבען פערניכטעט דעם מיטעלשטאנד און געשטערט זיין ענערגיע און איניציאטיוו.

דאס דארף געדענקען אונזער נייער שותף—דער נייער שוקל. ער האט בעקומען דאס ווארט, דארף ער עס ריכטיג אויסנוצען. ער דארף געפינען דעם ריכטיגען עהרליכען אדוואקאט, וואס וועט פערטיידיגען זיינע ענינים און זיינע פאדערונגען פון דער טריבונע פון אונזער פארלאמענט.

דער דעמאקראטישער רעוויזיאניזם, מיט זיין עקזעקוטיווע, לעגט פאר דעם פשוט'ען ציוניסטישען וועהלער זיין דינסט און ער שטעהט צו זיין דיספאזיציע.

מיר האבען, אהן שום בעשטעטיגונג, פערטיידיגט די אינטערעסען פון דעם דאזיגען קליענט.

מיר האבען דאס רעכט צו פאדערן פון איהם יעצט א פארמעלע בעשטעטיגונג, א קלארען מאנדאט.

מיר וועלען איהם בעקומען.

פ. בלומענקראנץ.

די יוגענד אויף קרומע וועגן.

אין דעם גרויסען, מיט האס און שנאה אדורכגעדרינגענעם קאמף, וואס ווערט איצט געפיהרט אויף דער יודישער גאס, פערנעמט א בעזונדער טרויעריג ארט די יוגענד.

יוגענד! א ספעציעלער צויבער ליגט אין דאזיגען ווארט. זי איז דאך דער רעזערוואר פון די צוקונפטיגע כחות; דער סימבאל פון ברויזענדיגקייט, ענערגיע, אפפערווילליגקייט און מוט! זי איז אימפאנירט מיט איהר אימפולסיווקייט און התלהבות; מיט איהר דינאמיק און פאטאס; מיט איהר ריקזיכטלאזיגקייט און קאמפס-לוסטיגקייט.

דעריבער בעמיהט זיך יעדעס פאלק צו אקטיוויזירען די יוגענד און יעדע בעוועגונג – ארונטערצונעמען אונטער איהרע פליגעל וואס מעהר יונגע מענשען, ווארום די דאזיגע יונגע, ברויזענדע פאנאטישע מיטגלידער זענען דער שאור שבעסה. זיי ברענגען אריין לוסטיגקייט און ריהרעוודיגקייט אין דער בעוועגונג.

און אזוי ווי מיר האבען אמאל געקוקט מיט ביטול אויף דעם יונגען שכל: בנין נערים – סתירה און זי געהאלטען און שפאן, אזוי האבען מיר לעצטענס, אריינפאלענדיג אין צווייטען עקסטרעם (ווי מיר האבען א טבע), געלאזט די יוגענד אויף „גאט'ס בעראט". די אדאראציע איז דערגאנגען צו דער מדרגה, אז מ'האט די יוגענד געלאזט זיך אליין דערציהען און מיר האבען שוין, ליידער, די פרוכטען פון דער דאזיגער שטה.

* * *

מיר ווילען זיך איצט אבשטעלען אויף צוויי מערקווירדיגע שטריכען פון דער היינטיגער פארטייאישער יוגענד אין איהר איבערוויגענדער מעהרהייט, נעמליך: עם-הארצות און טאקטלאזיגקייט (דאס לעצטע אלס פועל-יוצא פון ערשטען).

עם-הארצות. די דאזיגע טרויעריגע ערשיינונג איז פערשטענדליך, אין א גאנץ גרויסער מאס א פראדוקט פון דעם ארומיגען לעבען. נור מיר ווילען דאס מאל אויסשליסליך רעדען וועגען דער יוגענד.

א גרויסע צאהל יוגענד-ארגאניזאציעס (בלויז נאצ.) איז היינט-צו-טאג פערהאן אויף דער יודישער גאס. טויזענדער יונגע מענשען געהערען צו די דאזיגע ארגאניזאציעס. מ'לערנט דארט מושטירען, מ'געהט אין מונדירען, מ'זינגט לידלעך, מען פאטאגראפירט זיך. אלץ טהוט מען, נור נישט לערנען.

און טויזענדער יונגע מענשען מיט „אחת, שתים, שלש, ארבע" אויף די ליפען ווייסען נישט, אז ס'איז פערהאן ביי אונז א מסכתא אבות; טויזענדער יונגע יודישע מיידלעך און יונגלעך זינגען „פעם אחת בחור יצא" און מען בעמיהט זיך נישט זיי צו דערצעהלען, אז ס'איז אמאל געווען אויסער א ביסקוויט-פאבריק אויך, להבדיל, א ר' יהודה הלוי אויף דער וועלט, וואס איז, לויט דער פאלקס-דערצעהלונג, צוטרעטען געווארען ליגענדיג אויף דער אויסגעבענקטער, אויסגעזיונגענער ערד, אויף וועלכער די דאזיגע יוגענדליכע ווילען זיך אמאל בעזעצען; אז ס'האבען אמאל געלעבט גרויסע יודען, וועלכע האבען געשאפען אונשעצבארע ווערטען פאר אונז און פאר אנדערע. און אויב מ'קען נישט די דאזיגע גרויסע גייסטער איז מען נישט ראוי אנגערופען צו ווערען מיט דעם אויסגעלייטערטען פון יסורים און פיין ווארט: י ו ד!

און נישט נור יונגע מענשען. מען נעמט אריין אין דער ארגאניזאציע קינדער פון די ערשטע אבטיילונגען פון דער פאלקס-שול און מ'לערנט זיי פיינד האבען, שטערען דעם צווייטען, פייפען און שרייען יחי.

נישט אריינלאזענדיג זיך אין דעם מעריטום ענין, צי קינדער פון דער פאלקס-און מיטעל-שול דארפען געהערען צו פארטייען (זיי געהערען אפיציעל היינט אויך נור צו „יוגענד-ארגאניזאציעס", אבער מ'טרייבט דארט פאליטיק ווי ביי די זקנים), דארף מען דאך עכ"פ די דאזיגע יונגע צווייגלעך צו פלעגען און ערציהען, צו לערנען זיי, אז דער פארבעדינג פון אלעם איז קודם-כל לערנען און דרך-ארץ פאר וויסען און ארבייט! און נישט לאזען זיי אויסוואקסען חוצפה'דיג און וואולגאר, אונגעוויסענד און טאקטלאז!

טאקטלאזיגקייט!

מיר האבען דעם איינדרוק, אז אין קיין שום צייט (אפשר אויסער אין דער תקופה פון חורבן בית-המקדש) האט נישט געהערשט אזא שענדליכע בעציהונג צו ווערטפולע מענשען.

מיר האבען זיך תמיד בעצויגען מיט עהרע און יראת-הכבוד צו גרויסע מענשען: „והוי שותה בצמא את דבריהם". די תורה הייסט אונז אויפשטעהן פאר א זקן. קומען צו געהן אונזערע חכמים און טייטשען אויס, אז פאר א זקן אשמאי נישט, און פאר א יונגען מענש א תלמיד-חכם – יא (לויט'ן רבי יוסי הגלילי. קדושין ל"ב).

די קולט פאר וויסען איז געווען א געוואלדיגער. דער פשוט'ער יוד, טראץ זיינע בעהאלטענע, פיעל מאל, פיינדשאפט צום תלמיד חכם, וואס איז פסיכאלאגיש א פראדוקט פון קנאה און פערפרעמדקייטס-געפיהל, האט ער זיך יעדענפאלס בעצויגען צום „לערנער" מיט יראת הכבוד. און דער גרעסטער בעגעהר פון פשוט'ען יוד איז געווען זוכה צו זיין צו האבען אנ'איידעם א בן-תורה, וועלכער זאל לאזען הערען אין זיין שטוב דעם קול-התורה.

היינט איז ליידער אנדערש. מ'דארף נישט לערנען, מ'דארף זיך נישט אנשטרענגען. ס'איז דא „אנ'אילן גדול", מ'קען זיך אויף איהם פערלאזען אין אלע טעארעטישע פראגען. ס'איז ניש-

וואס געהערט, וואס געזעהן.

לייענענדיג די צייטונגען.

וואס זאל איך אייך זאגען, עס נעמט אן א גרויל, ווען מען לייענט די טעגליכע פרעסע און מען קוקט זיך צו צו די מחלוקות, וואס קומען פאר אין אונזער יודיש לעבען.

פון דייטשלאנד קומען אן איוב-בשורות, די דעגענערירטע היטלער-משוגעים טראכטען אויס טאג-טעגליך אלץ נייע גזירות אויף יודען. און וואס מעהר עס ווערט קלאנגעדיג אין לאנד און דאס דייטשע פאלק הויבט אן פאדערן, אז מען זאל ערפילען בנוגע זיי די צוגעזאגטע הבטחות, גיט היטלער ארויס א נייע גזירה אויף יודען, כדי דערמיט צו זעטיגען די בלוט-דורשטיגע דייטשע חיות.

האבען מיר דאך יודען פון דער גאנצער וועלט געראפט זיין איניג אין קאמף געגען געמיינזאמען שונא – אזוי איז דאך מחייב די געזונדטע לאגיק און דער עלעמענטארער בעגריף פון יעדער נאציע – זענען מיר דאך אבער יודען, דער עם קשה עורף, און מיר האבען דאנקען גאט היימישע מחלוקות און פערגעסען וועגען די אויסערליכע שונאים, וואס מעהרען זיך פון טאג צו טאג.

אזוי, הייסט עס, איז שוין אלץ געווען אין ארדנונג... האט נאך צוגעפעהלט דער אומגליקליכער שאס אין תל-אביב, וואס האט נישט בלויז גורם געווען צום טויט פון איינעם פון די שענסטע זיהן פון פאלק, נאר אויך אריינגעבראכט א וויסטע מהומה אין דער יודישער מחנה און איין גאט ווייסט מיט וואס דאס וועט זיך ענדיגען.

נעמט מען א צייטונג אין האנד אריין, ווער שמועסט די פארטייאישע צייטונגען, ווערט ווירקליך פינסטער פאר די אויגען. פון וואנען אזוי פיעל שנאה, אזוי פיעל האס פון איין ציוניסט צום אנדערן.

ס'ווילט זיך ענטלויפען פון מענשען, מ'שעהמט זיך מיט'ן בערוף, אין א מדבר ווילט זיך וואוינען, באדיי צוזאמען מיט חיות.

אט אזעלכע מחשבות קומען אין מח אריין, לייענענדיג לעצטענס די צייטונגען.

יעדער אויף זיין שטייגער...

אין טאג, ווען עס איז געפייערט געווארען דער יום-טוב פון ים, האבען די האנדוועקער ביים צוריקמארש אבגעהאלטען א מיטינג ביי זיך אויפ'ן הויף, וואו ס'זענען ארויסגעטרעטען עטליכע רעדנער און געשילדערט דעם היטלער-גיהנום פאר יודען, אנווייזענדיג אויף זיינע אפעטיטען צו פערכאפען די פוילישע טעריטאריע און איבערהויפט דעם צוטריט צום ים, וואס איז אזוי נויטיג פאר א פאלק, בפרט פאר'ן פוילישען פאלק.

די רעדנער האבען צוווארימט דעם עולם, וועלכער איז אין יענעם מאמענט געווען גרייט היטלער'ן צורייסען אויף שטיקער, ווען ער זאל גראד אונטערקומען...

נאך די רעדעס זענען געקומען אויסרופען, ווי: „נידער מיט היטלער'ן"! „זאל לעבען די פוילישע רעפובליק"! אז"וו. אין מיטען הערט מען א הילסיגען אויסגעשריי: „ברענען זאלען היטלער'ס אדערן", אויף וועלכען דער עולם האט זייענדיג אין עקסטאז, אויסגעשריגען: „ברענען"!. ווען מען האט זיך אבער אומגעקוקט, ווער ס'האט אויסגעשריגען אזא אריגינעלען אויסרוף, האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס האט געטהון דער סטארשע צעך-מייסטער פון בעקער-פעראיין, ה' הירצקע אופנער.

אויב אזוי איז שוין די מעשה ריכטיג. א בעקער, וועלכער ברענט דעם אויוועז, וואלט חשק געהאט היטלער'ן אביסעל צו ברענען און זאלען ברענען זיינע אדערען–האט דער בעקער-מייסטער געראפען און דער עולם, איבערהויפט די פערזאמעלטע בעקער האבען מיט א שמייכעל אויף די ליפען געענטפערט מיט כונה: זאלען טאקי ברענען זיינע אדערען!

יעדער אויף זיין שטייגער...

יגיע כפיך כי תאכל.

די שטובען ווערען פערפלייצט פון בעטלער, וועלכע האבען זיך אזוי אריינגעארבייט אין פאך, אז זיי זענען שוין ספעציאליסטען.

זיי טהון דאס נישט חס-ושלום צוליעב פערגעניגען, אויב פערגעניגען זענען דא אנדערע תענוגים. זיי האבען זיך אבער שוין אזוי איינגעלעבט דעריין, אז זיי זענען שוין אפשר נישט פעהיג און דער עיקר–זיי ווילען שוין נישט עפיס אנדערש טהון, נאר בעטלען.

איך זאג דאס אקעגען דעם, וואס יענע וואך האט געטראפען פאלגענדער פאל, וואס איז זעהר כאראקטעריסטיש;

אין א געוויסער שטוב, אין דער ערשטער אלעע נומער 1, איז געקומען א יודישע בעטלערין נאך א נדבה, און ווי געוועהנליך, האט זי אנגעטאט א „גוט מארגען", געזאגט דעם געוועהנליכען פזמון: פאר דריי... ווען די בעל-הביתטע האט איהר פארגעלייגט, אז זי זאל איהר אבוואשען די פאדלאגע, פאר וואס זי וועט בעקומען נישט פאר דריי ווייבער, נאר פאר 150 שטיק, איז זי דערויף נישט איינגעגאנגען. ערשט ווען די בעל-הביתטע האט זיך אבגעזאגט צו געבען איהר א נדבה, ווייל זי וויל נישט ארבייטען (די בעטלערקע האט אויסגעזעהן געזונד אהן עין הרע...), האט זי מסכים געווען צו וואשען, נאר פאר 4 זלאטעס פערדינסט. ס'פערשטעהט זיך, אז פון דער דאזיגער טראנזאקציע איז גארנישט געווארען.

ביי דער דאזיגער פערהאנדלונג איז גראד געשטאנען א יודישער טרעגער, וועלכער האט פארגעלייגט אליין צו וואשען די פאדלאגע. און שטעלט אייך פאר, אז מיט א האלבע שעה שפעטער האט דער טרעגער געקוועטשט אין דער האנד דעם פערדינטען גילדען

טא קיין געדולד און חשק פונאנדערצוקליבען זיך אין קאמפליצירטע ענינים. גענוג, אז דער „פיהרער“ האלט אזוי.

דאס איז אבער נישט דאס ערגסטע, ס'בעמערקט זיך לעצטענ'ס אנ'ערגערע ערשיינונג.

ס'איז פערהאן א קאטעגאריע יוגענדליכע, וועלכע זוכען אפילו נישט די פערענטפערונג, דאס זענען די קאניונקטור-„חברים“ אדער סתם אוואנטוריסטען. די ציוניסטישע ארגאניזאציעס, בעזונדערס די יוגענד-ארגאניזאציעס, וואקסען אין כמות. יעדען טאג קומען צו פרישע מיטגלידער מיט א זעקס-חדשים'דיגע סערטיפיקאטען-קאלקולאציע. די דאזיגע מענשען האבען אפילו נישט בדעה געוואויר צו ווערען, וואס דער „פיהרער“ זאגט. גענוג, אז ער צאהלט חודש-געלד און שרייט אויף א מיטינג.

די פערשידענסטע עלעמענטען, לגמרי נישט צוגעגרייטע, געפונען היינט אנ'ארט אין די יוגענד-ארגאניזאציעס. מיר קענען נישט פערלאנגען ביי מאסען-בעוועגונגען קריסטאליזירונג פון יעדען יחיד, דאס זוכען ביי איהם, אז ס'זאל זיין תוכו כברו, אבער עכ"פ א געוויסען רצון צו וויסען, א געוויסען רעספעקט פאר מענשען, וואס האבען מקריב געווען זייער בלוט און מארך פאר געז. ארבייט דארף זיין. רעספעקט הייסט נישט הסכמה, הייסט נישט אויסווארצלען פון זיך דעם קריטיציזם, וואס איז א נויטווענדיגקייט ביים שאפען זיך א געוויסע שטעלונג אין לעבען, אבער יונגע מענשען מוזען קודם כל געדענקען אין דעם אלטען דעוויז אז תכלית הידיעה איז „היודע שאינו יודע“.

מ'דארף נישט זיין קיין ציוניסטישער טהוער, אפילו נישט קיין דעקלארירטער ציוניסט, אום דער דאזיגער מצב זאל אנווארפען אנ'אימה. יעדער יוד, וואס דער גורל פון פאלק אינטערעסירט איהם, וואס האט ווירקליך א בעציהונג צו דעם, וואס געשעהט אויף דער יודישער גאס, קוקט מיט פחד אויף דער דאזיגער פערוווילדיגונג, אויף אונזערע „גדים“, וואס פערטרעטען די אמאליגע „מתמידים“.

די טאקטלאזיגקייט פון אלע ריכטונגען איז דערגאנגען צו אזא העסליכער מדרגה, אז אויב איין גרופע הויבט אן זינגען דעם יודישען הימן, ערלויבט זיך א צווייטע גרופע צו שטערען דורך זינגען א ליעדעל אדער דורך סתם געוואלדעווען.

די דאזיגע האנדלונג (אין ראדאם, ביי אונז א. א וו.) ווייזט בולט ווי ווייט דאס צולאזענקייט האט דערגרייכט!

און אויב ס'קומט פאר א פארלעזונג פון א געוויסען צד, האט מען נישט קיין געדולד אויסצוהערען, צו פערטראכטען זיך, צוצוקוקען בארדיי צו אנדערע מסקנות, נור מען ווילדעוועט, שרייט, טופעט ביז דער „דריטער צד“ אינטערוועניערט...

און וועגען דעם אלעם דארפט מען א קלער טהון! די דאזיגע טרויעריגע ערשיינונג האט א שייכות מיט'ן גאנצען יודישען לעבען און דארף אלע ערנסטע מענשען אינטערעסירען. די פויסט-טרעגירונג, הפקרדיגע האלטונג און כוליגאניזם מוז אויפהערען. עס טאר ביי אונז נישט טאלערירט ווערען דער דאזיגער אופן פון קאמף בנוגע וועלכען ענין ס'זאל נישט זיין.

און אויף די אלע, וואס פערשטעהן און ווייסען אפצושאצען דעם גרויסען ווערט און די אונגעהויערע כוחות פון דער יוגענד, דארפען זיך מיט איהר צו פערנעמען און נישט בענוצען זי נור צו דעקאראטיווע צוועקען.

יוגענד איז א גרויסער קראפט נור נישט קיין געהאמעוועטער און דאס דאזיגע צו טהון איז די אויפגאבע פון די מיושב'דיגע (זעלבסטפערשטענדליך ווען מ'וועט זיי נישט קענען זאגען „קשטו עצמכם“). די אימפולסיווקייט דארפט אויסגענוצט ווערען אויף לערנען, אויף וויסען. און אויף פאזיטיווער ארבייט.

די פיהרער און שעפער פון די דאזיגע בעוועגונגען דארפען געדענקען, אז דאס ווערק, וואס זיי האבען געשאפען, קען נאך מורד זיין, ווארום ווען דער שטן הערשט איז ער נישט מבחין צווישען גוטס און שלעכטס...

* *

מיר פיהלען אלס חוב צוצוגעבען עטליכע ווערטער.

מיט אמת'ן ווייטאג און בעדויער האבען מיר זיך ערלויבט צו שרייבען די דערמאנטע שארפע ווערטער וועגען דער יוגענד, צו וועלכער מיר אליין געהערען לויט דער עלטער, און צו וועלכער, אי"ס אזאלכע, מוז איטליכער געז. מענש פיהלען טיפע סימפאטיע אין שעצען איהרע אונבאגרעניצטע סטונגס-פעהיגקייטען און איהר קאלאסאלע ווערט פאר יעדער בעוועגונג.

מיר מוזען אבער אלס פריינד ווארנען:

— נישט דאס איז דער וועג פון רעאליזירונג פון וועלכער עס איז ערענסטער שיטה; נישט דורך רסוק-אברים, קאפ-שפאלטעריי קען מען פיהרען א פאזיטיווע ארבייט!

אויב א טייל פיהרער פון עלטערען דור פראוואצירען צו אזא מין טאקטיק' הארכט זיי נישט, ווי מען טאר נישט הארכען א פאטער, בעת ער רעדט צו צו אנ'עבירה טראץ דעם געבאט פון כבוד-אב!

אייער אויפגאבע איז צו זוכען דעם אמת און לערנען זיך אפילו פון געגנער. איהר מוזט זיך נוהג זיין ווי ר' מאיר: דאס גוטע נעמט ארויס און די קליפה ווארפט אוועק!

איהר זענט יונג, אימפולסיוו, לוסטיג אמאל אויך, אבער דאס פערענטפערט נישט אייער כיכיריי בעת א געגנער רעדט; איהר זענט היציג, ברויזענד, אבער דאס מילדערט נישט א פראפאנירונג פון נאצ. הימן!

מיר טארען נישט ווערען מקאיינפלוסט פון גרויסען שטראם גראבקייט און חיה'שקייט פון ארום, מיר טארען נישט נאכאהמען די אלגעמיינע וואקכאנאליע.

לאמיר געהען אונזער וועג, וואס איז אנגעצייכענט פון אונזער אונצעשטערבארער עטיק!

בלוט, הויט און נערווען-קראנקע
דערגרייכען רעגולערע פערדויאונגס-פערהעלטנישען
דורכ'ן געברויך פון נאטירליכען ביטערוואסער
Franciszka Jozefa

די זיצונג פון קהלה-ראט.

פערגאנגענעם מאנטאג איז פארגעקומען א זיצונג פון קהלה-ראט. אויפ'ן טאג-ארדנונג איז געווען איין פונקט: די ווירטשאפט אין דער קהלה.

פרעזעס ה. וועקסלער עפענט די זיצונג און גיט דאס ווארט דעם פרעזעס פון דער קהלה-פערוואלטונג.

פרעזעס ראזענבערג גיט אב א בעריכט ביז'ן 15-טען יוני ד. י. פון וועלכען עס איז צו זעהן, אז די הכנסות פון דער קהלה האבען זיך פערקלענערט. אזוי, למשל, איז פון עטאט איינגעפלאסען 31.000 זלאטעס, בעת פאראיאהרען ביז דער צייט איז איינגעצאהלט געווארען 35.500 זלאטעס. פון דער שחיטה 57.500 זל. (פאראיאהרען 62.500), פון דער מקוה 11.000 זל. (פאראיאהרען 14.000), פון בית-עולם 5100 זל.

די קמחא-אקציע אויף היי-יעהריגען פסח האט אבגעקאסט דער קהלה 22.300 זלאטעס, צו וועלכער די גמינע גופא האט צוגעלייגט 6400 זל. גענאסען פון קמחא האבען 1638 פערזאן, א חוץ יודען אין די שפיטעלער, געפענגנישען, בית לחם, די גערטנער-פערמע און זעלנער-קיך.

אויף סאציאלע פערזארגונג האט מען אויסגעגעבען דריי און א האלבען טויזענד זלאטעס, פאר רייזענדע קיין פאלעסטינא 350 זל.

געבליבען נאך די פריהערדיגע פערוואלטונג זענען חובות אויף 100.000 זלאטעס. (אויסער די 100 טויזענד זל. פון דער מקוה-היפאטעק).

ה' גאלדשטיין קריטיקירט דעם פרעזעס, הלמאי עס איז נישט פריהער צוזאמענגערופען געווארען א זיצונג פון דער פערוואלטונג, וואו דער בעריכט זאל אבגעגעבען ווערען און איבערהויפט איז נישט פארגעקומען קיין זיצונג אין משך פון קנאפע 4 חדשים. דעריבער לעגט ער פאר, אז מען זאל דעם בעריכט נישט נעמען אין אכט, ווייל דאס איז נישט קיין בעריכט פון דער פערוואלטונג, נאר פון פרעזעס ראזענבערג פערזענליך.

פרעזעס ראזענבערג מאכט א פארמעלע בעמערקונג, אז ער וועט נישט פאלעמיזירען מיט די פערוואלטונגס-מיטגלידער, וועלכע האבען פלאץ זאט צו טהון אויף די פערוואלטונגס-זיצונגען. ער איז אבער גרייט צו ענטפערן יעדען פון די פרנסים אויף אלע פראגען.

ד"ר מערינג קריטיקירט דעם בעריכט, ער שטעלט זיך נישט אב אויף ציפערען, נאר ער טאדעלט דאס, וואס די מעהרהייט פון דער פערוואלטונג בעל-הבתעוועט מיט אלע ענינים און רופט נישט צונויף קיין זיצונג וועגען יעדער פראגע בעזונדער, ער קריטיקירט אויך פארוואס מען האט די פרויען אין דער מקוה אראבגענומען פון די פענסיעס אין דער צייט ווען מען נעמט צו נייע אנגעשטעלטע.

די פרנסים שפירא און ד"ר בראם קריטיקירען דעם בעריכט, וועלכער בעווייזט, אז דער דעפיציט האט זיך פערגרעסערט און אויב עס וועט ווייטער אזוי גהן, וועט זיין זעהר שלעכט. מען טאר נישט אויסשטעלען קיין אקצעפטען אהן דער הסכמה פון ראט און אויב מען שטעלט יא אויס, איז דערפאר פערזענליך פעראנטווארטליך דער אויסשטעלער זעלבסט. אויך טאדעלט ד"ר בראם די פערוואלטונג פאר וואס זי האט איבערגעשריטען די פולמאכט און אויסגעגעבען מעהר קמחא, אויף וויפיעל זי האט געהאט איינקונפטען.

אויך פרנס זילבערבערג זאגט זיך ארויס אין דעם זעלבען זין.

דאזאר גאלדשטיין מאכט א פארוואורף פארוואס מען האט ביז - איצט נישט געענטפערט אויף די אלע בריעף וועלכע זענען געקומען נאך מיט צוויי חדשים צוריק פון די פילאנטראפישע אינסטיטוציעס וועגען סובסידיעס.

פרנס ד"ר קאהן זאגט, אז נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער איז אנ'אנהענגער פון פארלאמענטאריזם האלט ער אבער פון ארבייט, וועלכע ווערט אויסגעפיהרט. מען קען נאך נישט קריטיקירען, איידער מען האט געהערט דעם טעטיגקייטס-בעריכט.

פרנס זעלינגער: דער ראט האט גארנישט געטהון, ווען ס'וואלט אפטער צונויפגערופען געווארען דער ראט און מען וואלט די פרנסים געגע-

מיט 30 גראשען און דערביי געזאגט: „יהי רצון“ — ס'זאל זיין בעוויליגט, אז עס זאל זיך מיר טרעפען יעדען טאג כאטש א 4—5 פאדלאגעס צו וואשען, וועל איך האבען ברויט פאר מיין ווייב און קינד.

דאס איז דער אמת'ער יגיע כפיך כי תאכל.

מען קאן לעבען, נאר מען...

נאך נישט אלע פרנסות זענען אונטערגעגאנגען, פערהאן פרנסות, פון וועלכע מען קאן אפילו הייזט מאכען א לעבען. ווען, ווען מען לאזט נאר לעבען...

אט וועל איך אייך דערצעהלען וועגען אזא ארט פרנסה:

אין א היגען חשוב'ן פעראיין, (דעם נאמען וועל איך נישט אנרופען, ווייל כ'האב מורא, אז זיי זאלען זיך נישט אין מיר, כ'מיין אין דער צייטונג נוקם זיין... נאר אויב איהר ווילט דוקא קאנט איהר זיך אליין אנשטויסען, ווען נישט ארט עס מיך אויך נישט...) שפילט מען יעדען אוועגד קארטען. וואס דען זאל מען טהון, אז קיין מסחרים מאכט מען נישט און מיט'ן דייטש האט מען זיך צוקריגט... פערנעהמט מען זיך מיט'ן „תהילים'על“-מען שפיעלט אין טעלעפאן, אין א יודישער אקע, א פרעפעראנס אזוי. זענען זיי אבער פערמיאוסט געווארען די אלע סארטען שפיעלרייען און מען האט לעצטענס אנגעהויבען שפיעלען אין א באנק (דיעוויאטי וואל). די מעלה פון דעם שפיעל איז, וואס עס קען זיך אין איהם בעטייליגען א גרעסערע צאהל שפילער און ס'האט מעהר עמאציע.

באלד האט זיך געגרינדעט „אנ'אקציען געזעלשאפט“ מיט אונבעגרעניצטער פערהאפטונג און מען האט אנגעהויבען צו פיהרען דאס געשעפט.

האבען דאך אבער יודען גרויסע אויגען, האט זיך אין זעלבען לאקאל געגרינדעט א צווייטע געזעלשאפט, וועלכע האט אויך אריינגעלייגט א קאפיטאל און געגרינדעט א צווייטע באנק, פערגרעסערענדיג דערביי די צאהל געווינסען. איז דאך געווארען א קאנקורענץ, האבען זיך מענשען אריינגעלייגט אין עסק און נאך לאנגע אונטערהאנדלונגען האבען זיך די צוויי „באנק-געזעלשאפטען“ פעראייניגט און געגרינדעט איין שותפות'ע גרויסע באנק.

אזוי האט מען געשפילט נאכט אויף נאכט. ווער ס'האט געוואונען (וועלטען ווער!) און ווער ס'האט פערשפיעלט (כמעט אלע — אויסער די באנקירען נאטירליך). דער פעראיין האט זיך פון דעם פאזשיווייצט, געמענדיג 20 זל. פון יעדער באנק-רונדע.

מאכט זיך א מעשה, און עס יאווען זיך 2 נייע „דירעקטארען“, וועלכע האבען טענות, אז אויב קארטען האבען זיי פיערשענסטווא, ווארום זיי זענען די אמת'ע שפילער פון שנים קדמוניות און פאדערען מען זאל זיי אריינגעהמען אין שותפות. זעהענדיג אבער, אז ס'וועלען זיין מעהר שותפים ווי שפילער, האבען די אקציאנערען זייער ביטע אבגעווארפען. לאין ברירה האבען זיי פערליינט אנ'אייגענע באנק און גערופען צו זיך די „קליענטען“.

די אלטע „אקציאנערען“ זעהענדיג, אז אויף א פשוט'ן אופן וועט נישט נצהמען קיין סוף צו די „פאוסטאנצעס“ האבען זיי זיך בעשלאסען אויף א טייוולאגישען פלאן, דהיינו: אלע שותפים האבען אנגעהויבען שפילען אין דער נייער באנק. ביז זיי האבען זי איינגאנצען צוקלאפט און במילא איז זי געווארען באנקראט. אזוי-ארום זענען זיי פטור געווארען פון די פרישע קאנקורענטען און די „אקציען-באנק“ איז געבליבען איינאופאיינציג אין דעם חשוב'ן פעראיין, וואו מען שפילט ווייטער אויף דער גאנצער פארע נאכט ביי נאכט.

ווי מען שמועסט מאכען די „אקציאנערען“ נישט קיין שלעכטע געשעפטען און אויך דער פעראיין לייגט נישט צו די באבעס ירושה...

די איינציגע זארג פון די „באנק-אייגענטימער“ איז נאר, אז ס'זאלטען זיך נישט אויפכאפען פרישע „באנקירען“ און מיט זיי קאנקורירען.

ווי איהר זעהט, קאן מען לעבען, נאר מען לאזט נישט...

מען דארף זיי אנלערנען.

פאר עטליכע חדשים צוריק האבען מיר געשריבען וועגען א דראזשקאזש, וועלכער האט צוזאמען מיט זיינס א שיכור'ן פאסאזשיר געשלאגען די דורכגעהענדע יודען, און איך האב אויפמערקזאם געמאכט די יודישע בעפעלקערונג, אז זי זאל איהם אויסמיידען.

היינט וויל איך ווידער אויפמערקזאם מאכען אויף צוויי כוליגאנישע דראזשקאזשעס, וועלכע זענען דעם פאריגען שבת אנגעפאלען אויף דורכגעהענדע יודען אין דער חארשאווער גאס און זיי געשלאגען מכת רצח.

די געשלאגענע יודען זענען ח. לאנדוי (ווארשאווער 21) און ל. אפענהיים (נארוט זוויטשא 10). די דראזשקאזשעס זענען די אייגענטימער פון די דאראזשקעס נומער 33 און 44.

מען האט אפילו גערופען א פאליציאנט, וועלכער האט געמאכט א פראטאקאל און מיט דעם האט זיך געענדיגט. מיר, יודען, דארפען אבער די כוליגאנישע דראזשקאזשעס, וועלכע פערדינען אויך געגוג געלד ביי יודען, אנלערנען און זיך היטען מיט זיי צו פאהרען, ווייל זיי קענען אונז פשוט „מכבד“ זיין מיט דער בייטש.

זיי דאנקען הארציג.

צו אונז האט זיך געוואנדען דער איינוואויגער פון מושב זקנים ובית יתומים ה' ה. ל. לעווענשטיין און געבעטען, אז מיר זאלען אין זייער נאמען אויסדריקען א הארציגען דאנק, קודם-כל דער פרוי שטארקע און ה' משה אש פאר אדורכפיהרען די אקציע ביי די היגע יודישע קצבים, וועלכע שטיצען זיי מיט פלייש, פון וואס די אלטע לייט און יתומים זענען זיך פשוט מחיה.

אויך דערצעהלט דער אלטער ל. אז אזא אקציע ווערט אדורכגעפיהרט צווישען די פישער און ביי אנדערע יודישע מנדיבים.

דאס מושב זקנים און יתומים - הויז לעבט איבער א שווערען קריזיס, קיין סובסידיעס בעקומען זיי נישט און עס וואלט אויסגעקומען, אז דער דארטיגער עולם זאל הונגערן, נאר א דאנק דער לעבענסמיטעל-אקציע זענען זיי גערעטעוועט געווארען פון הונגערנויט.

קומט טאקי א הארציגער יישר כח דער פרוי שטארקע און ה' אש פאר זייער מיה און די מנדבים פאר זייער שטיצע. די איבריגע יודען, וועלכע האנדלען מיט לעבענס-מיטעל דארפען דעם שעהנעם ביישפיעל נאכטהון.

חסל סדר טעאטער-סעזאן.

פערגאנגענעם זונטאג איז אין קאמעראל-טעאטער פארגעקומען די געזעגענונגס-פארשטעלונג פון דעם היגען פוילישען טעאטער פאר'ן זומער סעזאן.

די דאזיגע פארשטעלונג האבען בייגעוואוינט אזוי פיעל מענשען, וויפיעל בענקלעך עס איז איבערהויפט געווען אין דער געבייידע. נאכ'ן צווייטען אקט האבען פארשטעהער פון דער שטאדט און אנדערע זיך געזעגענט מיט'ן ארטיסטען-פערסאנאל און מיט זייער דירעקטאר און רעזשיסער, אויסגערעכענט דערביי זייערע מעלות און זיך געווינשען אז צום צווייטען סעזאן זאל מען זיי ווידער דא זעהן ביי אונז.

דער עולם האט אפלאדירט און די שטימונג איז געווען א פייערליכע.

איך האב זיך ארומגעקוקט אויף די בעזוכער און בעמערקט, אז אונגעפעהר 70 פראצענט זענען אחינו בני ישראל און עס האט מיר אדורכגעבליצט א געדאנק: אט זעהט דאס פוילישע טעאטער האט אנגעהויבען דעם סעזאן און איהם אויך געענדיגט. גוט, שלעכט, אבער עטליכע צוואנציג פערזאן האבען זיך אויפגעהאלטען. ווען וועט זיך אבער אנהויבען אונזער יודישער טעאטער-סעזאן? טעאטער-געהער זענען דאך פערהאן, טא פארוואס זאל אזא שטאדט ווי טשענסטאכאוו, נישט האבען קיין יודיש טעאטער, ווען נישט א גאנצען סעזאן, טא כאטש א האלבען, א פיערטעל, כאטש!

נאר ווי איהר ווייסט, זענען דאס דברים במי'ם, וועגען דעם קאן מען נאר חל'מ'ען, מ'א האט נישט אויף מיר קיין פארדרוס, ווען איך האב, זייענדיג אויפ'ן סיום פון פוילישען טעאטער-סעזאן, אויך א טראכט געטהון: ווען וועט זיך דאך אונזער יודישער טעאטער-סעזאן אנהויבען?

אין א דאמען-געזעלשאפט.

כ'ווייס נישט ווי איהר, נאר איך פיהל זיך זעהר נישט בעקוועהם, ווען מיר קומט איינמאל אליין אויס צו זיין אויסשליסליך אין א דאמען-געזעלשאפט. כ'בין נישט ערצויגען געווארען אזוי, אז איך זאל קענען אבגעבען די דאמען-עהרע ווי ס'געהער צו זיין. ביי דער קלענסטער קלייניגקייט האב איך מורא, אז איך זאל נישט נכשל ווערען מיט א ווארט, מיט א זשעסט וכדומה.

זיץ איך אזוי ווי א שטומער און רעד נישט קיין ווארט.

אין אזא סיטואציע געפין איך זיך איינמאל אין יאהר, בעת ס'קומט פאר די אלגעמיינע פערזאמלונג פון פרויען-פעראיין „עזרה“, וואו איך בין דער איינציגער מאנספערשוין צווישען אהן עין-הרע א צוויי צעהנדליגג פרויען.

און צום פרויען - פעראיין „עזרה“ געהערען דאך אינטעליגענטערע פרויען, וועלכע קאנען זיך אויף די אלע אנגענומענע דאמען-עטיק-כללים. קומענדיג אויף זייער פערזאמלונג זיץ איך דעריבער ווי א טויטער, און אבגעהיטען זאל מען ווערען ווען עמיצער פון די דאמען ווענדעט זיך צו מיר מיט א פראגע. איך פערליר דאן ס'לשון, איך ווייס נישט ווי אזוי מען ענטפערט...

דאסמאל האב איך געהאט אזא פאל: די פרוי אינזש. דאווידאוויטש האט זיך צו מיר געוואנדען מיט עפיס א פראגע און עטליכע צעהנדליגג דאמען-אויגען האבען זיך א ווארף געטהון אויף מיר, מיר איז געווארען הייס, עס איז מיר געווארען ווי צום חלש'ן און איך האב געמאכט א מינע ווי א — גולם.

איך בין דאך אבער פארט נישט אזא שלימזל, נאר כ'ווייס נישט פארוואס כ'פערליר מיך עפיס...

מיין גרעסטען שונא וואלט איך נישט געווינשען, אז ס'זאל איהם אויסקומען צו זיין איינער אליין אין א צאהלרייכער דאמען-געזעלשאפט...

לויתן

בען ארבייט, וואלויען זיי זי בעשטימט געטהון.

פרעזעס ראזענבערג ענטפערט אב אלע אפאנענטען און ערקלערט, אז די קריטיק איז דא ארויסגעזאגט געווארען נאר דערפאר, ווייל ער איז פרעזעס. אויב איך האב נישט אבגעגעבען ביז איצט דעם בעריכט — זאגט דער רעדנער — איז עס דערפאר, ווייל איך האב ביז-איצט נישט געהאט קיין מאטעריאלען פון דער ביורא, דען די בעאמטע זענען געווען פערנומען מיט די ליסטראציעס, וואס קומען לעצטענס כסדר פאר און אויך דערפאר, וואס מען מוז זיך אביאגען פון די סעקוועסטראטארען, וועלכע זענען דא אפטע געסט צוליעב די חובות, וועלכע די אלטע פערוואלטונג האט איבערגעלאזט און מיר מוזען זיי כסדר בעצאהלען.

דאן רעכענט פרעזעס ראזענבערג אויס אלע פאזיציעס, דערונטער די חובות און סובסידיעס, וואס זענען אויסגעצאהלט געווארען, ער דערמאנט אויך וועגען דער קמחא, וועלכע איז חיי-יאהר צוליעב דער גרויסער נויט, וואס הערשט צווישען דער יודישער בעפעלקערונג, אויסגעצאהלט געווארען מיט איבער 6000 זל. מעהר ווי ס'האט בעטראפען די הכנסה.

דער פערוואלטונגס פרעזעס שטעלט זיך ווייטער אב אויף די אינוועסטיציעס וואס זענען געמאכט געווארען פאר ביליג געלד אין דער מקוה, וואו עס זענען רעפערירט געווארען די ווענט, פעררייכטען די צענטראלע בעהייצונג, אריינגעשטעלט עלעקטרישע ווענטילאטארען און נאך אנדערע פאפראווקעס.

דער דעפיציט איז נישט פערגרעסערט געווארען, נאר אויב ס'איז געלונגען דעם דעפיציט צו דערהאלטען אין דער זעלבער הויך, וואס פריהער, איז שוין א גרויסער פערדינסט פון דער יעצטיגער פערוואלטונג.

עס רעדען נאך די דאזערעס קאץ, וועלכער ווארפט פאר דער אפאזיציע, וואס זיי קריטיקירען נאר און דאגעגען ווילען זיי נישט ארבייטען אין די קאמיסיעס, צוליעב וואס זייער ראל איז א טראגישע, ד"ר מערינג און גאלדשטיין, וועלכע ווארפען פאר, אז מען רופט נישט קיין זיצונגען פון דער פערוואלטונג און דאס איז בעשטימט נישט אין ארדנונג. ה' גאלדשטיין איז געגען קאמיסיעס, נאר וועגען יעדער פראגע, זאל גערופען ווערען א זיצונג פון דער פערוואלטונג.

דאס לעצטע ווארט נעמט נאך פרעזעס ראזענבערג, וועלכער איז מודה, אז די לעצטע 2 חדשים זענען ווירקליך נישט פארגעקומען קיין זיצונגען, דערפאר אבער איז געטהון געווארען ממשותדיגעס. איך האלט — זאגט ווייטער פרעזעס ראזענבערג — פון ארבייט און נישט פון בלויז רעדען.

דאן איז לויט'ן פארשלאג פון ד"ר בראם אויסגעוועהלט געווארען א קאמיסיע פון 5 פרנסים, וועלכע זאל פעסטשטעלען צו ביים היינטיגען טאג בעטרעפען די חובות פון דער קהלה מעהר ווי זיי האבען בעטראפען דעם 21 אקטאבער פ. י. בעת די אלטע פערוואלטונג איז אבגעטרעטען און ווען די חובות האבען בעטראפען 100 טויזענד זלאטעס.

אין דער קאמיסיע זענען אריין פאלגענדע פרנסים: ד"ר קאהן, פ. שפירא, א. ווארשאווסקי, א. דזיאלאווסקי און לובארט.

דער פארשלאג פון די ה"ה זעליגער און דזיאלאווסקי, אז אויך די פרנסים זאלען ארבייטען אין די קאמיסיעס וועט בעטראכט ווערען אויף דער נאהנטסטער זיצונג.

דער פיפיגער שווער און דער לעקעשע-וואטער איידעם.

(פון די ראבינאט = מעשה'לעך).

מאיר פ., פון פאך א מעכאנישער שוסטער, האט זיך געלאזט רעדען א שידוך מיט דער פריילין ס. פון ראדאמסק און היות ווי דאס מיידעל האט נושא חן געווען און זיינע אויגען און דערצו האט מען איהם נאך צוגעזאגט גאנצע 3 טויזענד זלאטעס נדן, איז מיט מזל געפראוועט געווארען א תנאים און דערנאך א חתונה.

מיט'ן נדן איז אבער נישט צוגעגאנגען אזוי לייכט. וואס אן'אמת האט דער כ ותן דעם יונגען פארפאלק פערקאפט א דירה אויף דער קאזשע גאס און אויך איינגעקויפט א ביסעל מעבעל; דאס אלץ האט אבער נאר בעטראפען די סומע פון 1500 זל. און ווען דער איידעם האט געפאדערט די רעשט נדן האט דער מחותן, איצט שוין דער שווער, איהם צוגעזאגט א ליאדע טאג צו ערלעדיגען.

עס איז אזוי אוועק א יאהר. דערווייל איז געקומען א קינד אויף דער וועלט און דעם נדן האט מען אלץ נישט צוגעצאהלט. ביז איינמאל האט דער יונגערמאן, וועלכער האט אין זיין לעבען שוין געשפיהרט א סך שטרייקען, זיך מיישב געווען און אויך ערקלערט א שטרייק זיין יונג ווייבעל, ארויסשטעלענדיג אן'אולטימאטום זיין שווער בזה הלשון: אויב איך וועל נישט בעקומען צוגעצאהלט דעם נדן אין משך פון 48 שעה, בין איך נישט קיין היגער. היות אבער, ווי נישט אין די ערשטע 48 שעה און אויך נישט אין די צווייטע 48 שעה האט ער נישט בעקומען דאס מזומן, איז דער יונגערמאן געווארען א האז און עוקר געווען איבער דער מדינה.

ויהי היום, איז ר' מאיר צוריקגעקומען, נאר צוליעב א געוויסער סיבה האט זיך באלד ווידער אנגעהויבען די אמת'ע מחלוקה, ביז דער ענין האט אנגעשפארט אין ראבינאט, וואוהין עס איז אנגעקומען דאס גאנצע קלאפערגעצייג מיט טענות און קולות, און ענדליך, איז בעשלאסען געווארען א גט, וועלכער זאל פארקומען צומארגענס.

ביים אהיימגעהן האט דער שווער אבער אנגעזאגט דעם איידעם, אז היות ווי ס'איז שוין בעשטימט געווארען א גט טאר ער נישט נעכטיגען ביי זיך אין וואוינונג, ווייל אזוי זאגט בפירוש דער דין...

אונזער ר' מאיר, וועלכער האט זיך גערעכט אריינצוכאפען א פאר גילדען פאר'ן גט, האט געפאלגט די עצה פון זיין „קאכאנעדיגען" שווער און ער האט טאקי גענעכטיגט ביי זיינס א קאלעגע. צומארגענס אבער ווען ער איז אהיימגעגאנגען צו זיין ווייב, כדי זי מיטצונעמען צום גט, איז איהם פינסטער געווארען פאר די אויגען. די שטוב איז געווען ליידיג, נישט קיין ווייב, נישט קיין קינד, נישט קיין מעבעל און אפילו דער ליעבהארציגער שווער איז אויך פערשוואונדען געווארען, ווי אין וואסער אריין. יא, א בריוועל האט ער דארט געפונען, אין וועלכען דער שווער שרייבט איהם דעם צווייטען פסוק פון שיר השירים און דערביי איז ער מוסיף, אז פאר 5 יאהר זאל ער זיך נישט ריכטען אויף קיין גט און אויב ער וויל דעם נדן, זאל ער קומען קיין ראדאמסק, וועט מען איהם בעצאהלען מיט פראצענט...

ר' מאיר פ. איז, שמיצסט מען באלד אוועקגעפאהרען קיין ראדאמסק, פון וואנען ער איז תיפף צוריקגעקומען מיט אונטערגעהאקטע אויגען און צובראכענע זייטען.

אט אזוי האט ר' מאיר פ. — מען רופט איהם אויך מאיר לאקש — זיך געלאזט אנפרייערען פון זיין שעהן ווייבעל און פיפיגען שווער און ער וועט נעביך מוזען ווארטען גאנצע 5 יאהר ביז ער וועט קאנען א צווייטען שידוך טהון, שוין מיט מעהר מזל.

סעם

מאיר גראסמאנ'ס ווענדונג צו די טשענסטאכאווער יודען. *)

די יודען פון טשענסטאכאוו האבען יעצט די געלעגענהייט און מעגליכקייט משפיע צו זיין אויף די ווייטערע ענטוויקלונג פונ'ם ציוניזם. זיי קענען דורך דעם אנטייל אין די וואהלען צום נעכסטען (י"ח) ציוניסטישען קאנגרעס זאגען, וואס זיי דענקען וועגען דעם אופן ווי אזוי אונזער נאציאנאלע היים וועט זיך בויען.

די יודישע קהלה פון טשענסטאכאוו, וואס איז בעקאנט מיט איהר אינטעליגענץ און שכל הישר טאר נישט שטעהן ביי דער זייט גלייכגילטיג. זי טאר נישט דערלאזען, אז אנדערע, אפט פרעמדע און פון יודישע אינטערעסען ווייטע, זאל בעשליסען זייער גורל.

נישט קוקענדיג אויף דעם שטורמישען פערלויף פון מיין פארלעזונג, טראץ אלע אונגוויטיגע אנפאלען און סקאנדאלען, בין איך איבערציינט, אז די מעהרהייט פון טשענסטאכאווער ציוניסטען האט בעקומען א ריכטיגען בעגריף וועגען דעם דעמאקראטישען, קאנסטרוקטיווען מלוכה-בויענדען רעוויזיאניזם, וואס וויל מיטארבייטען און קאאפערירען.

מיר מוזען אלע מאכען יעצט א סוף צו הפקרות און דער פערווילדערונג פון אונזערע זייטען. דער סתם-יוד, דער יודישער קליינסוחר און קליינהענדלער, דער יודישער בעל-מלאכה, מוזען זעהן אז דער נעכסטער קאנגרעס זאל ענדליך געבען אונז א ריכטיגע פיהרערשאפט.

מ. גראסמאן

*) ה' גראסמאן, זייענדיג אין טשענסטאכאוו האט איבערגעגעבען דעם דאזיגען בריעף מיט דער בקשה איהם אבצודרוקען אין אונזער צייטונג.

קליינער פעליעטאן.

א רעגען של ברכה...

באלד נאך פסח—דערצעהלט מיר מיין שכן—האט מיין ווייב מיר געגעבען אנציגעהערען וועגען א זומער- וואוינונג. חיים—האט זי איהם געגומען יאדען—איך ווייס, אז מיר לעבען איבער א קריזיס, אז דיינע געשעפטען פיקסלען נישט אזוי ווי אמאל, די מוזט אבער פערשטעהן, אז מיר מוזען דאס טהון פאר אונזערע טאכטער'ס וועגען, דו ווייסט דאך, אז אונזער טאכטער קאראלע האט חתונה געהאט נאר א דאנק דעם, וואס זי האט געוויילט אין קריניצא און פון דארט איז זי אהיימגעקומען מיט א חתן און אויב מיר ווילען, אז סטעפא זאל אויך א כלה ווערען, מוזען מיר פאהרען אויף א דאטשע, ווארום אין דער שטאדט קען זי פערזיצען ביז אין גרויען צאפ אריין, ווארום אין דער שטאדט זענען די יונגעלייט פראזאאיש געשטימט און זיי ווילען נישט אנדערש געהן אונטער דער חופה סיידען מען וועט זיי אוועקלעגען דעם אמת'ן נדן; אנדערש איז אבער אויף א זומער - וואוינונג, וואו די בחורים זענען פאעטיש געזאנען און זיי פערליעבען זיך.

איך האב פערשטאנען—זאגט ווייטער מיין שכן—אז מיין ווייב האט רעכט, אבער וואס זאל איך טהון, אז איך טאר גארנישט טראכטען וועגען דעם, ווייל, נאר צו וואס זאל איך אייך אויפרעכענען אלע מיינע צרות. ס'וועט גענוג זיין צו זאגען, אז דאס מעבעל איז פערזשהען מיט א כשר'ן סטעמפעל פון סקארב, דער בעל-הבית האט אויף מיר אנ'עקסמיסיע און דער מאגיסטראט-סעקוועסטראטאר דראהט יעדען טאג צו מאכען ביי מיר א פערזענליכע רעוויזיע.

געהן אבער באלד אבזאגען מיין ווייב אין איהר ביטע, איז אויך נישט קיין פלאן. איהר קענט נישט מיין ווייב, אזוי איז זי א שטילע, טאמער אבער ווערט זי נערוועאיש, זאל מען אבגעהיטען ווערען, זי נעמט דאמאלס אנ'אויפערע צע, אז סיראטא איז געגען איהר א לערן-יונגעל, האב איך איהר אזוי דיפלאמאטיש געגעבען צו פערשטעהן, אז איך מוז זיך נאך מיישב זיין וואוהין זיי זאלען פאהרען און איך האב געמאכט א חשבון: אויב קיין קריניצא, קען נאר פאהרען מיין ווייב מיט דער טאכטער; קיין קאמינסק אבער וועט שוין קאנען פאהרען די גאנצע פאמיליע — נאטירליך אויסער מיר, דערפאר אבער, אז מיר ווילען פאהרען קיין אסטראוו וועל איך אויך שוין קאנען מיטפאהרען און מיר וועלען פרעווען הלכות דאטשע כדבעי; דערווייל אבער מוז איך האבען אביסעל צייט דאס אלץ צו ערלעדיגען.

מיין ווייב—ציהט ווייטער ר' חיים—האט זנגענומען מיין ענטפער פאר גוט געלד (פארט א יודענע) און איך האב א פאר וואכען געהאט פולשטענדיגע מנוחה. ס'איז אבער אנגעקומען דער אמת'ער דאטשע-סעזאן און מיין ווייב האט אנגעהויבען מיך גאר שטארק צו גריזשען, האב איך זיך ווידער דערפון ארויסגעדרעהט מיט פערשידענע אויסריידען און בין פערפאלען געווארען יעדען אווענד אויף אנ'אנדערע פארלעזונג, און פארלעזונגען זענען ביי אונז לעצטענס געווארען אנ'אבטע ערשיינונג, אמאל געה איך אויף גרינבוים'ען, כ'בין אויך געווען אויף גראסמאנ'ען און אויף זרבבל און אויף גלאט דיסקוסיאנס-פערזאמלונגען און טהען, אזוי, אז איך בין אהיימגעקומען, ווען מיין ווייב איז שוין לאנג געשלאפען. איינמאל, ווען איך האב זיך גאר פערשפעטיגט און בין געקומען ווען ס'איז שוין געווען טאג, האט מיך מיין ווייב אבגעווארט און מיר געמאכט אזא ברוך-הבא, אז איך האב שנעל פערמאכט די טהיר און בין אהיימגעקומען צומארגענס, נאר נישט דאס בין איך אויסען...

ווען מיין ווייב האט זיך צו מיר גענומען אויף פעסט וועגען דער דאטשע און קיין ענטפער האב איך שוין נישט געקענט געפונען, איז פלוצים געשעהן א גליק. ס'האט אנגעהויבען צו רעגענען, אבער טאג-טעגליך, און דאס טאקי איז געווארען מיין לעצט רעטונגס ברעטיל. טייערע מיינס—האב איך צו איהר הארציג געזאגט—ווי אזוי קאנען מיר פאהרען אויף דאטשע, אז עס האלט אין איין כליאפען. די קינדער וועלען דאך נישט קאנען געהן שפאצירען און במילא וועט דאך די גאנצע קאמבינאציע מיט א חתן זיך נישט איינגעבען...

בעט איך טאקי ביי דעם אין הימעל —דערצעהלט מיין שכן—אז ער זאל זיך דערבארימען איבער מיינע יונגע יאהרען און עס זאל ווייטער רעגענען. כ'ווייס אפילו, אז דער רעגען איז אן-אומגליק פאר'ן לאנד, די תבואה ווערט פערפוילט און עס וועט זיין א יקרות, אבער פאר מיר איז עס א גליק, איך וועל זיך אדורכשווארצען דעם זומער און וועל פטור ווערען פון די דאטשע-צרות.

אמת, מיין טאכטער וועט ווערען א בוגרות, אבער וואס זאל איך ארימער, אומגליקליכער טאטע טהון, אז כ'האב נישט קיין ברירה.

אזוי ווי איהר זעהט — פערענדיגט ר' חיים — איז דער רעגען מיין רעטונגס-מלאך, וועלכער האט מיר ארויסגעהאלפען אין א נויט.

פאר די לעטניקעס איז דער רעגען טאקי אנ'אומגליק, פאר דער מדינה — א קללה, מיך אבער האט דער הייעהריגער גשם געראטעוועט פון א גרויס אומגליק — פאר מיר איז עס א רעגען של ברכה און איך בעט צום הימעל, אז עס זאל נאך א פאר וואכען אזוי רעגענען און איך וועל פטור ווערען פון א גרויסער סכנה.

— — — — — — — — — — —

ווי איהר זעהט קען מען דעם רבונו של עולמ'ס דרכים נישט אבשאצען, אלע בעקלאגען זיך אויף דעם אומגליק וואס האט זיי געטראפען צוליעב די רעגענס, קומט צו געהן מיין שכן און דערצעהלט, אז פאר איהם איז דער רעגען גאר זיין מלאך המושיע, א רעגען של ברכה...

סמאל

דער צווייטער גרויסער פאָלקס-קאָנצערט פון בירנבוים-כאָר.

מאָרגען שבת האַלב 9 אָוונט קומט פאָר אין זאַל פון די פייערלעשער דער צווייטער, גרויסער, יודישער פאָלקס-קאָנצערט פון בעקאַנטען בירנבוים-כאָר אין אונזער שטאָדט.

דער בירנבוים-כאָר האָט זיך שוין קונה-שם געווען מיט זיינע אויפטריטען און איז אנערקענט געוואָרען פון אַלע מוזיק-ליעבהאבער אַלס דער איינציגער אין אונזער שטאָדט, וועלכער שטעהט אויף דער הויך פון זיינע אויפגאבען און יעדער קאָנצערט איז אַ מייסטער-ווערק.

צום היינטיגען קאָנצערט איז צוגעגרייט געוואָרען אַ הערליכער פּראָגראַם וואס בעשטעהט פון די נייסטע פאָלקס-לידער, אָפּערן-אַריעס און סאָלאָ-אויפטריטען.

מיט'ן כאָר פיהרט אָן דער גוט-בעקאַנטער דיריגענט און מוזיקער ה' ה. לעווקאָוויטש.

אַ טייל פון דער הכנסה איז בעשטימט פאַר די יודישע פליטים אין דייטשלאַנד.

עס איז קיין שום ספק, אַז אַלע ליעבהאבער פון שעהנער נגינה וועלען קומען אויפ'ן קאָנצערט, כדי צו האָבען אַ גייסטיגען תענוג פון הערליכען קאָנצערט און אויך צו געבען מוט די יונגע זינגער אין זייער ווייטערדיגער אַרבייט.

די הויי-יעהריגע יודישע מאַטוריסטען

די היי-יעהריגע מאַטוראַ-עקזאַמענס זענען שוין אין אַלע גימנאַזיעס פערענדיגט געוואָרען. אין רעזולטאַט פון די עקזאַמענס האבען היי-יאָהר בעקומען מאַטוראַ-צייגנישען פאָלגענדע יודישע שילער און שילערינס:

אין די יודישע געזעלשאפטליכע גימנאַזיעס: בראַמבערג יצחק, בערלינער דבורה, דזיאַלאָשינסקי העניק, פראָמער שלמה, פרידמאַן שמואל, גליקסמאַן יוסף, קאַלין יעקב, לאַסקער שרה, מאַנדעל הענדל, שיוועק מאיר, שמולעוויטש אסתר, וואַרמונד יעקב און זילבערשאַץ בלימע.

אין ד"ר אַקסער'ס גימנאַזיום: באַרוך הענא, גרינבערג יאָנאַס, גוטערמאַן עווא, קאַפּלאַוויטש העניך, ראָטשטיין זלמן און זשעריקער אהרן.

אין ערשטען מלוכה'שען גימנאַזיום א. נ. פון העגריק שענקעוויטש: בלוישטיין היפּאָליט, היימאַן סטאַניסלאַוו, ליפּינסקי זיגמונט און מערין.

אין צווייטען מלוכה'שען גימנאַזיום א. נ. פון ראַמואַלד טראַוגוט: בראָדסקי פעליקס, צימערמאַן עקיבא, קרעמסקי לעאָן, ראַטויב יוזעף און שייקאָוויטש איגנאַצי.

אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער קאָאָפּ. האַנדווערקער-באַנק.

זונטאָג, דעם 10 ד. ח. פּינקטליך 4 נאָכמיטאָג קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל אַלעע 12 די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער האַנדווערקער-באַנק.

אַלע מיטגלידער דאַרפען אין זייער אייגענעם אינטערעס זיין אַנוועזענד אויף דער פערזאַמלונג, כדי צו בעשטימען איהר ווייטערדיגען גורל.

אַנ'אויפטוה פון גנבים.

פון צוג וואס איז געגאַנגען פון לאָדזי קיין טשענסטאָכאָוו האָבען אונבעקאַנטע פערשוינען אָבגעטשעפּעט 27 וואַגאָנען, געלאָדענט מיט קויהלען און האָלץ. גליקליכערווייזע האָט מען דעם פערברעכערישען טהאַט בעמערקט בעצייטענס און, נאָכדעם ווי מ'האָט צוריק פערפעסטיגט די וואַגאָנען, האָט דער צוג פאָרטגעזעצט זיין וועג.

די פּאָליציי פיהרט א ענערגישע אויספאָרשונג, כדי צו ענטדעקען די אויספיהרער פון פערברעכערישען טהאַט, וועלכער האָט געקאָנט האָבען פאַטאַלע פאָלגען.

בעקאַנטמאַכונג.

1) די וואַהלען צום 18-טען ציוניסטישען קאָנגרעס וועלען פאָרקומען זונטאָג, דעם 23 יולי 1933 פון 10 פריה ביז 10 אָוונט אָהן הפסקה.

2) אַקטיווע וואַהל-רעכט צום קאָנגרעס האָט יעדער מיטגליד פון דער אַלוועלטליכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט רעכטצייטיג אויסגעקויפט דעם שקל פון יאָהר תרצ"ג און האָט ביז דעם 1 יולי געענדיגט 18 יאָהר.

3) דעם 8 יולי פון 9 ביז 11 אַ זייגער אָוונט, דעם 9 און 10 יולי פון 10 פריה ביז 10 אָוונט וועלען די וועהלער-ליסטעס זיין אַרויסגעלעגט אין לאָקאַל פון מזרחי, אַלעע 5, צום קאָנטראָלירען.

4) רעקלאַמאַציעס וועגען פערזאָנען, וואס זענען נישט אַריינגעטראָגען געוואָרען אין דער וועהלער-רשימה, ווי אויך וועגען אזעלכע, וואס זענען נישט ריכטיג אַריינגעטראָגען געוואָרען אין דער וועהלער-רשימה, קענען אַריינגעטראָגען ווערען אין דער היגער וואַהל-קאָמיסיע ביז'ן 10 יולי 1933 י. 10 אַ זייגער אָוונט.

די רעקלאַמאַציעס מוזען אונטערגעשטיצט ווערען דורך בייגעלעגטע דאָקומענטען.

די וואַהל-קאָמיסיע צום 18-טען ציון. קאָנגרעס אין טשענסטאָכאָוו.

דער זאַל פון קינאָ „Nowości" I Aleja 12

איז פריי און קאָן פערדינגען ווערען

אויף מיטינגען, פאָרשטעלונגען, קאָנצערטען א. ד. גל.

ווענדען זיך צום הויז-ווירט.

פון דער פּאָליציי.

דעם 1 ד. ח. האָט אָנגעהויבען זיין אַברוהה-אורלויב דער פּאָוויאַטאָווי פּאָליציי קאָמענדאַנט, קאָמ. סטאַניסלאַוו גראַבאָווסקי. בעת דעם אורלויב וועט דעם קאָמענדאַנט פערטרעטען פּאָדקאָמיסאַר דרוזשבאַ פון וואַרשאַ, וועלכער איז בעשטימט געוואָרען נאָך טשענסטאָכאָוו אַלס פערטרעטער פון קאָמענדאַנט.

דער ביזאיצטיגער פערטרעטער פון פּאָוויאַטאָווי קאָמענדאַנט, פּאָדקאָמיסאַר טאַרנאָווסקי איז פון 1 ד. ח. איבערגעטראָגען געוואָרען נאָך סקאַזשיסק אַלס לייטער פון איינעם פון די דאָרטיגע קאָמיסאַריאַטען.

דעם 1 טען ד. ח. איז געקומען אין אונזער שטאָדט פּאָדקאָמיסאַר וויטאָלד ליכאָדזיעיעווסקי, וועלכער האָט איבערגענומען די אָנפיהרונג פון ניי-געשאַפענעם 3-טען קאָמיסאַריאַט אויף אָסטאַטני גראָש.

א שווינדלערין האָט גראַסירט אין צוג.

אין קאַטאָוויצער צוג, צווישען די סטאַציעס זאַוויערטשע און פּאָריי איז צו איינעם פון די פּאַסאַזשירען, אינזש. מאַלנאַר פון וואַרשא, צוגעקומען א יונגע אָרעגטליך געקליידעטע פרוי, וועלכע געבעטען, אַז אינזש. מאַלנאַר זאָל איהר באָרגען 5.30 זלאָטעס, וואס זי דאַרף בעצאָהלען שטראָף דעם קאָנדוקטאָר.

אַזוי ווי דאס אויפפיהרען זיך פון דער פרוי האָט ביי די פּאַסאַזשירען ערוועקט א חשד, האָט מען זי אין טשענסטאָכאָוו איבערגעגעבען דער פּאָליציי, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט, אַז די פערהאַלטענע האָט שוין ביי א גאַנצע רייהע פערזאָנען אויסגענאַרט געלד, בענוצענדיג זיך מיט פערשידענע פּרעטעקסטען.

די שווינדלערין איז איבערגעגעבען געוואָרען צו דער דיספּאָזיציע פון דער אויספאָרשונגס מאַכט.

LEKARZ-DENTYSTA

G. Cymermanówna

przeprowadziła się na

ul. Panny Marji № 1

I piętro, front

przyjmuje od 0—2 i od 4—7

po poł.

Kancelarja Notarjusza

Tadeusza Kossa

przeniesiona została

do domu Nr. 23

w II Alei.

רעדוצירט די אַרבייטס-לוינען אין דער הוטע אין ראַקאָוו.

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן בעשלוס פון דער דירעקציע פון דער הוטע „טשענסטאָכאָווא" אין ראַקאָוו וועגען רעדוצירען די אַקאָרד-לוינען, איז פאָרגעקומען א קאָנפערענץ אונטער'ן פאָרזיץ פון אַרבייטס-אינספעקטאָר אינזש. וואַשילעווסקי מיט'ן אַנטייל פון פאָרשטעהער פון דער דירעקציע און פון די פּראָפעסיאָנעלע און קלאַסען-פעראיינען.

אין רעזולטאַט פון דער קאָנפערענץ איז געקומען צו א פערשטענדיגונג און ס'איז בעשלאָסען געוואָרען צו רעדוצירען די אַקאָרד-לוינען אין די גרעניצען פון 2 ביז 12 פּראָצענט לויט די פערשידענע אָבטיילונגען (די דירעקציע האָט געוואָלט אדורכפיהרען א רעדוקציע פון 8 ביז 15 פּראָצענט).

אין אַלגעמיין איז די רעדוקציע נוגע ארום 500 אַרבייטער און פערפליכטעט שוין פון 1 ליפּיעץ אָן.

אַכטונג האַנדווערקער!

זונטאָג, דעם 9 יולי ד. י. פּונקטליך האַלב 8 אין אייגענעם לאָקאַל, אַלעע 12 קומט פאָר אַ פאָרלעזונג פון אדוואָקאַט וויצמאַן פון לאָדז א. ד. ט.: די נאָהנטסטע פּערספּעקטיוען פון יודישען בעל-מלאכה". איינגאַנג פריי.

פון בלאָק פאַר'ן אַרבייטענדען ארץ-ישראל.

מאָרגען, שבת 9 אָוונט קומט פאָר אין לאָקאַל מין בעראַכאָוו-הייס קאָפּערניקאַ גאַס, אַנ'אַקאַדעמיע מיט א הומאָריסטיש סאַטירישען אינהאַלט.

וועגען אַ בלומר'שטער פערזאַמלונג אין „בית יעקב".

אין די היגע שטיבלעך און בתי-תפלות זענען נעכטען אַרויסגעהאַנגען געוואָרען מודעות וועגען אַ גרויסער בעראַטונג, וואס זאָל פאָרקומען קומענדען זונטאָג אין „בית יעקב". אויף די דאָזיגע מודעות געפונט זיך די אונטערשריפט פון היגען רב ר' נחום אַש.

מיר ווערען דעריבער געבעטען מיטצוטיילען, אַז נישט דער רב און נישט די פערוואַלטונג פון „בית יעקב" ווייסען עפּיס וועגען דער דאָזיגער בעראַטונג און זיי האָבען מיט דעם ענין פון די מודעות קיין שייכות נישט.

אורלויב פון שטאָדטישען קאָמיסאַר

דער שטאָדט - קאָמיסאַר ה' מאַזור איז פון מאָנטאַג אָן אויף אַברוהה-אורלויב און געפאָהרען אויף קוואַטיר נאָך טרוכ-קאוויעץ.

דעם קאָמיסאַר וועט פערטרעטען דער וויצע-קאָמיסאַר פון דער שטאָדט ה' מאַדעיסקי.

Kìno „Atlantic"

היינט!

א נייער פּראָגראַם!

פרייזען פון 25 גראָשען.

די שטייער-אַמטען איבערגעטראָגען געוואָרען אין א נייעם לאָקאַל.

די שטייער-אַמטען, וועלכע האָבען זיך געפונען ביז איצט אין הויז נר. 20 אויף וואַשינגטאָנאַ גאַס, זענען איבערגעטראָגען אין א ניי-אויסגעבויט הויז אויף שלאָנסקאַ 20 (א הויז ווייטער נאָך דער עוואַנגעלישער קירך).

דאס נאָרמאַלע אַמטירען אין נייעם לאָקאַל האָט זיך אָנגעהויבען דינסטאָג דעם 4 ד. ח.

בעגנב'עט א פיליע פון קאָאָפּעראַטיוו „יעדנאָשטש".

אין דער פיליע נר. 42 אויף סלאָוואַצקעגאָ גאַס פון קאָאָפּעראַטיוו „יעדנאָשטש" האָבען זיך ביינאַכט אַריינבעקומען אונבעקאַנטע גנבים, וועלכע האָבען צוגעגנב'עט פערשידענע שפּייז-פּראָדוקטען פאַר 245 זל.

תקון טעות.

אינ'ם בעריכט פון דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון פרויען-פעראיין „עזרה" איז פויריגע וואָך אַריינגעפאַלען אַ טעות.

אין דער פערוואַלטונג איז געוועהלט געוואָרען נישט די דר"אָווע ראָזען, נור פרוי י. ראָזען (קאַטעדראַלנע 11).

ווי אַזוי זיך אומצוגעהן מיט די אויטאָמאַטישע טעלעפאָנען?

שוין אין לויפענדען חודש וועט אין טשענסטאָכאָוו געלאָזט ווערען אין בעטריעב די נייע אויטאָמאַטישע טעלעפאָנען-צענטראַלע.

כדי צו פערלייכטערן די אַבאָנענטען דאס אויסלערנען אומצוגעהן זיך מיט די נייע אויטאָמאַטישע אַפּאַראַטען, ערטיילט דער פּאָסט-און טעלעגראַפען-אַמט אויף שלאָנסקא גאַס דעם פּובליקום פּראַקטישע אָנווייזונגען, דעמאָנסטרירענדיג דעם אופן פון פערבינדען זיך.

די אָנווייזונגען ווערען געגעבען פון דעם 5 ד. ח. אָן און קומען פון 10 ביז 12 און פון 3 ביז 8 אָוונט.

מיר פערביליגערן!

Nr. 34—44

~~2.-~~ 1.-

Art. 4635-00

גימנאַסטישע פאַנטאָפעל פון לייכטע לייוואַנט אויף שוואַרצע גומענע זוילען—ביז צום אויסשעפּען פון זאַפּאַס № 26-33 פון 1.50 אויף 0.80 גר.

~~10.-~~ 8.-



Art. 8165-14

לייוואַנטענע און לעדערנע אַפּאַנקעס.

איינפאַרביגע לעדערנע	. . .	פון 12 זל. אויף 10 זל.
פערשידענפאַרביגע לעדערנע	. .	פון 18 זל. אויף 16 זל.

~~16.-~~ 12.-

Art. 9875-08

באָקסענע און זאַמשענע פאַנטאָפעל מיט פערשידענע בעפּוצונגען אויף אַ פּראַנצויזישען און סלאָוואַקישען אַבצאַס. (נישט אַלע סאָרטען און מאָסען אויף לאַגער)

~~19.-~~ 14.-

Art. 9875-05

לאַקירטע פאַנטאָפעל אויף אַ פּאַסקל אָדער טשולענקאַ, גלאַט און עלעגאַנט.

נוצט אויס די געלעגענהייט!

בעזוכט אונז!

Bata

FABRYKA W CHEŁMKU. 28.

Kino „Luna"

פריהער „גראַנד-קינאָ".

קאָשטשושקי גאַס.

לעצטער סעאַנס 9.40 אָוו.

5 שטערנס אין איין מעכטיגען פילם.

מעכטיגע דראַמאַטישע לעבענס-דראַמע!

Eskadra śmierci

הויפּט-ראָלען: פּאַט אָ'בריען, ראַלף בעלאַמי, גלאָריאַ סטוּאַרט, ליליען באָרד, זומערוויל

איבער'ן פּראָגראַם: „פּאַראַמונט" קלאַנג-וואָך.

שבת און זונטאָג פריהמאָרגען-פאָרשטעלונגען האַלב 1 אַ זייגער אין דאָפּעלטען פּראָגראַם „DZIWOLĄGI" i TOM MIX

אַטשיסקעס מיט'ן וואָרצעל.

צו וואס זיך פּייניגען און בעקלאָגען;

עס האָט נישט קיין ציעל צו צענערן

„לעבעוואָהל" היילט אַטשיסקעס

מיט'ן וואָרצעל.

פאַרערט אין אַלע אַפּטייקען און אַפּטייק-סקלאַדעס.

LEBEWOHL

אינלענדישע אויסאַרבייטונג.